# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נײנטער יאָרגאַנג | יאַנואַר 1948 לאָנדאָן | נומער 1 (העפט 96)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :



| | |
|---|---|
| 1. צום 5־יאָריקן באַשטײן פון „פרײנט פון יידיש לשון" — ** | 1 |
| 2. בנוגע די צוויי קולטור-קאָנגרעסן — ** | 3 |
| קיום און קולטור (וועגן די קולטור קאָנגרעסן) — לעאָ קעניג | 4 |
| פונם יידישיסטישן ערב־רב (עסיי) — אליהו פאַלושאַק | |
| ירושלים, שארית הפליטים־הוירא־טאַנץ | |
| דער שווערדן ־ טאַנץ (לידער) — א. נ. שטענצל | 11 |
| סודות פון חדר (מעשהלעך) — משה עובר | 14 |
| סאַן פראַנציסקאָ (פּאָעמע) — ל. מילער | 17 |
| דער באָנטשע וואָס שווייגט ניט (פעליעטאָן) — קיטי בראַון | 22 |
| ס׳שווימט אַ שיף (פּאָעמע) — ס. פּאַלמע | 26 |
| שמע ישראל (דערציילונג) — יוסף הלל לעווי | 29 |
| ענגלישע יידן אין עקאָנאָמישן קריזיס — עזרא סאָסנאָוויטש | 31 |
| צפת האָט זיך מיט וואָס צו באַרימען — ש. ערנסט | 35 |
| ניי ווייס (ליד) — דאָראַ טייטלבוים | 38 |
| אַ יידישער טעאַטער אומגליק אין לאָנדאָן | |
| מיט 61 יאָר צוריק — אהרן ר. ראָלין | 44 |
| קינדער אין געטאָ (די טראַגעדיע פון יידישן קינד) — שבע נלאַס | 45 |
| חסידישער פאָלקלאָר — יחזקאל נח ערליכמאַן | 50 |
| צו דער פרעמיערע פון „בר־כוכבא" — ש. | 58 |
| לאָנדאָנער קולטור ידיעות | 61 |
| מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס | 63 |
| | 64 |



**פרייז 1 שילינג**

אַבאָנעמענטס־פרייז :—13/6 פאַר אַ יאָר ;
אין אויסלאַנד :—3 דאָלאַר אַ יאָר
1/3 פאַר אַ פּראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאַראָד־פרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן א.1.

## מזל טוב

צו דער טראַדיציאָנעלער אויפרופונג שבת פרשת וארא דעם 10־טן יאַנואַר

צו דער חתונה דאָנערשטיק, דעם 15־טן יאַנואַר

פון אונזער חשובן פריינט הבחור **ישראל דוד**

זון פון הרב המפורסם רבי **יהושע שפּעטמאַן** שליט"א והרבנית **רחל**

מיט הכלה הבתולה מרת בעטי **רבקה מאַרים**

ווינטשן מיר הצלחה און פרייד און כל טוב

**לשון און לעבן**

**פריינט פון יידיש לשון**

---

## מזל טוב

אונזער טייערן ברודער און שוואָגער

**ישראל דוד שפּעטמאַן** זיין דערוויילטע **בעטי רבקה מאַררים**

ד שבט תש"ח —::— צו זייער חתונה —::— 15 יאַנואַר 1948

זאָלן די עלטערן **הרב יהושע ורחל שפּעטמאַן** און **ר' משה מאַררים** און **פרוי** האָבן פון אייך פיל נחת

**חנה** און **דוב וואַרשאַווסקי** און **קינדער**

---

## בר מצוה

מזל טוב צו דער בר־מצוה פונם בן־יחיד פון אונזער באַרימטן

**מאַיר צעלניקער** און **פרוי** און דעם בר־מצוה־בחור **נחום**

מיר ווינטשן די עלטערן זיי זאָלן פון אים האָבן נחת

**לשון און לעבן**

**פריינט פון יידיש לשון**

---

אונזער פריינט דעם באַקאַנטן

**חזן רעוו. יעקב שערמאַן**

צום אויפגענומען ווערן אַלס חזן אין דער קריסטשען סט. תלמוד תורה שול

ווינטשן מיר גרויס דערפאָלג

**פריינט פון יידיש לשון**

---

מיר ווינטשן מזל־טוב דעם סעקרעטאַר

פון בונד אין לאָנדאָן פריינט

**משה לאַקעטש** און פרוי **מלכה**

צום געבורט פון זייער טעכטערל

**פריינט פון יידיש לשון**

---

### מזל טוב

אונזער פריינט דעם פּאָעט

**מאַקס הערשמאַן** און **פרוי**

צו דער חתונה פון זייער טאָכטער

**עדנא** מיט **זשעראַלד נאַדלער**

מיר ווינטשן זיי נחת און אַלדאָס־גוטס

**לשון און לעבן**

---

### מזל טוב

מיר ווינטש מזל טוב דעם אַקטיאָר

**אַלבערט** און **בעטרים פוקס**

צום געבוירן פון א זינדעלע

**לשון און לעבן**

---

TOWER HAMLETS LIBRARIES
LOCAL HISTORY LIBRARY
LC. 1035/5
No:- L.5290 870

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יאָרגאַנג — יאַנואַר 1948 לאָנדאָן — **נומער 1** (העפט 96)

## צום 5־יאָריקן באַשטיין פון „פריינט פון יידיש לשון“

אינם קלאַסישן לאַנד פון „טיים איז מאַני“, פון „מאַכן א לעבן“, איינצופירן „יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס“ און גלויבן. אַז יידיש לשון קאָן באַקומען דאָ לעבן, איז באמת געווען א גרויס וואַגעניש; און א לעבן איינשטעלעניש איז עס ממש געווען צו מאַכן גלויבן אין וואָרט. — אינם שעפערישן יידישן וואָרט! —אין א מדינה וואו מ'שווערט אויפן טשעק־ביכל... אָבער גראָד אין די פינסטערע טעג, ווען אויף דער יידישער גאַס דאָ איז שוין קיין שום ליכטפּונקט נישט געווען, האָבן זיך, פאַר 5 יאָר צוריק אין א יאַנואַר נאַכט 1943, פאַרזאַמלט א גרופּע מענטשן, קלאַמערנדיקע אַרום די י.ל.ש.ג. און אַרום דעם מאָגערן „העפטל“, — אַרום דעם חיי־שעה פונם פאַרשעמטן יידישן וואָרט! — און געגרינדעט „פריינט פון יידיש לשון“.

נאָר א פּעסעמיזם פון „שוין גאָרנישט האָבנדיק צו פאַרלירן“ האָט זיך געקאָנט שטייגערן צו אַזאַ אַרומכאַפּנדיקן אָפּטימיזם, צו דערוועקן אין דער יידישער גאַס דאָ א שטיקל גלויבן צום יידישן לעבעדיקן וואָרט, צום שעפערישן יידישן וואָרט! און אַרום דער אָנגעשטרענגטער רעגלמעסיקער אַרבעט האָבן אָנגעהויבן דערשיינען יידישע ביכער, יידישע שרייבער און אַרבעטער האָבן געזוכט פאַרבינדונגען, געפונען קאָנטאַקט, — עס איז קודם געווען עפּעס אַרום וואָס זיך צו דרייען: אַרום א זידיקן קעסל? אַרום א בייז־וואונדער... און ביזן היינטיקן טאָג נאָך, פונם רעכסטן פליגל פון די ציונים ביז לינקסטן פון די קאָמוניסטן, האָבן געהאַט און האָבן ווייטער זייער קאָנטאַקט מיט „פריינט פון יידיש לשון“. אונזער גאַנצע סימפּאַטיע באַקומען זיי פון אונז, ווען זיי נויטיקן זיך אין א טריבונע פאַרן גערעדטן, אָדער געשריבענעם יידישן וואָרט.

היינט צו טאָג האָבן שוין די אַלע פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך זייערע אייגענע זשורנאַלן — זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז אין ענגליש. קיין שום פאַרטיי אָדער מעצענאַט אינם קלאַסישן לאַנד פון „טיים איז מאַני“, וועט נישט „אינוועסטירן“ קיין געלד אין א זשורנאַל אויף „א אָפּשטאַרבנדיקע שפּראַך“...

איך גלויב אַז די שנאה צו יידיש ביים יידישן קליינבירגער און אויך צומאָל ביים פּראָלעטאַרישן האַלב־אינטעליגענט, שטאַמט פונם זעלבן מקור ווי די שנאה פונם אַנטיסעמיט צום ייד: דער קליינבירגער און דער האַלב־אינטעליגענט, ווייל ער מוז דאָך נעבעך תמיד פון זיין נידריקייט צו א העכערן אַרויפקוקן, זוכט ער זיך אַרויס עמעצן, צו וועמען ער קאָן פון זיין הויך כאָטש

אראָפּקוקן און דערנידריקן. דער גוי האָט דעם ייד דערצו נויטיק און דער ייד, מישטיינסגעזאָגט — יידיש! און אונזער יידיש-קללה באַשטייט סך־הכל אין דעם, וואָס מיר יידן באַשטייען פון צופיל קליינבירגער און נאָכמער פון האַלב־אינטעליגענטן!.... אָבער פונקט ווי דעם שונא ישראל גייט ס'האַרץ נעבעך אויס נאָך אַ ייד אים צו דערנידריקן, וועט דער שונא־יידיש, להבדיל, אויסגיין, אַז ס'וועט קיין יידיש נישט מער זיין — — —

אָ, אונזער דור, אונזער נאָך יידיש ריידנדיקער דור, מוז שוין מאריך ימים ושנים זיין, אַז דער קומענדיקער דור, אשר לא ידע את יידיש" זאָל קאָנען לעבן בלייבן.

און היינט, צום 5-יאָריקן באַשטיין פון „פריינט פון יידיש לשון", איז נישט מיין אויפגאַבע אויסצורעכענען אונזער געטוענע אַרבעט, אַז מיר זאָלן זיך דערמיט איבערנעמען; איך וויל אויך נישט זינגען קיין לויב געזאַנגען פאַר אונזערע דערגרייכונגען; איך וויל נאָר בעטן, אַז די אַרבעט פרייד זאָל פון אונז נאָר נישט אָפּגענומען ווערן; אַז ווי איבערגעלאָדן די אַרבעט זאָל אויף אונז נישט זיין, זאָל זי קיינמאָל נישט זיין לעול ולמשא; וואָרים געשעט דאָס, חלילה, אַז די אַרבעט־פרייד ווערט פון איינעם אָפּגעטון איז ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ביי דער ערשטער אומבאַקוועמלעכקייט, וואַרפט מען פון זיך דעם עול אַראָפּ און מען איז באַפרייט.... אָן יעדן פּיצל אחריות!

און אין לאַנד פון „טיים איז מאַני". וואו יעדע זאַך ווערט פאַרשריבן אין די „מיניטס" און אויסגערעכנט מיטן טשעק־בוך, ווערט דער גלויביקער אינם יידישן וואָרט אפילו נישט געשטעלט פאַרן נסיון — ער שטייט תמיד פאַרן אָפענעם תהום! נאָר די פרייד פון דער אייביקער וואַגעניש, — דער שפּרונג אויף לעבן און טויט! — איז די איינציקע זיכערקייט אַלע שוועריקייטן אַריבערצושפּרינגען.

און די שוועריקייטן און די אומבאַקוועמלעכקייטן זיינען שוין דאָ און די געלעגנהייטן און די מעגלעכקייטן וועלן זיך ערשט אָנהויבן צו מעלדן — — און די יידישע מלוכה אַליין, איז זי דען נישט אַזאַ געלעגנהייט דעם איבערגעלאָדענעם עול פון יידישער קולטור אַרבעט אין „גלות" שוין באַצייטנס פון זיך אַראָפּצוואַרפן? כאָטש וואָסער פּנים וועט דאָס האָבן אַ יידישע מלוכה אָן יידישע קולטור.... און אַ חוץ דעם, איז דען נישט יידיש, לעת עתה אויך דאָס שטאַרקסטע מיטל, אפילו, פאַרן אויפבוי פון דער מלוכה, מער ווי אַלע שפּראַכן, צומאָל העברעאיש אַריינגערעכנט?....

אָבער אַז דער שטריק ליגט אויפן האַלדז, די איבערגעלאָדענע משא איז צו שווער, און דער גלויבן פון קענען דערשלעפּן, פון קענען דערטראָגן די משא איז אויך נישטאָ — — וואָס העלפן דעמולט שוין אַלע אַספּיראַציעס און אפילו אינספּיראַציעס?

זאָל נאָר די אַרבעטס־פרייד נישט ווערן פון אונז אָפּגעטון, זאָל נאָר אונז בלייבן די „אהבה שאינה תלויה בדבר", זאָל אונז בלייבן דער גלויבן אויפן וואָרט, דער גלויבן אינם שעפערישן יידישן וואָרט — — —

איך האָב איינמאָל דערלעבט אַזאַ זאַך! דאָס איז געווען, ווען איך האָב



מיטגעאַרבעט אינם קאָמיטעט פון דער יידישער וועלטלעכער שול ביים אַרבעטער־רינג. די פרייד פון יידישן ישוב, לאָנדאָן, איז געווען די יידיש וועלטלעכע שול, דער שטאָלץ פונם האָראָפּאַשנעם און אינטעליגענטן וועלטלעכן ייד, אָבער אינם קאָמיטעט זיינען אָפּנים געווען אויך אַזעלכע וואָס דער איבערגעלאָדענער עול, און די אויסזיכטלאָזיקייט האָט געוואַרט אויף דער ערשטער בעסטער מעגלעכקייט דעם עול פון זיך אַראָפּצוואַרפן, פון די צו שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אחריות זיך באַפרייען — —און נאָך ביזן היינטיקן טאָג שטייט דאָ דער יידיש ריידנדיקער וועלטלעכער ישוב מיט אַ צעפּלאַמטן פּנים פון בושה!! און אַז מיר, פריינט פון יידיש לשון, וועלן אין אונזער אַרבעט שוואַך ווערן, די אַרבעטס־פרייד, חלילה פאַרלירן, וועט דער יידיש ריידנדיקער ישוב שוין דאָ פאַרלירן דעם לעצטן שטריך פונם צלם אלקים — דאָס ביסעלע בושה צומאָל.

## בנוגע די צוויי קולטור-קאָנגרעסן

אין דעם סכסוך אַצינד בנוגע די צוויי־קולטור־קאָנגרעסן האָבן מיר לאָנדאָנער קולטור־טרעגער, דאַכט זיך, קיין שום רעכט נישט זיך אַריינצומישן און זאָגן אונזער וואָרט. מיר דאָ זיינען אפילו נישט געגליכן צו יענע צוויי פרויען וואָס זיינען געקומען מיט זייער סכסוך צו שלמה המלך, — זיי האָבן כאָטש געהאַט אַ קינד זייער אייגנס! אָבער מיר דאָ, מ'שטיינסגעזאָגט, אַ יידישער ישוב אָן איין איינציקע יידישע שול צומאָל! מיט וואָס וועלן מיר קומען? מיט געהויבענע דרשות? מיט נעוואַלטיקע רעדעס? מיט פּלענער? מיט רכילות?

וואָרים צי האָבן מיר בכלל דאָ די עלעמענטאַרסטע אינסטיטוציע פאַר יידישער קולטור־אַרבעט אונטערן פּעטראָנאַט פון וועלכע נישט איז יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע? דער קולטור־קלוב, דער במקום „איקוף" עקזיסטירט שוין נישט זייט אַ צייט — און אין קול ואין עונה! עס זאָל עמעצער אַ פּיפּס טון.... דער בונד דאָ אין לאָנדאָן איז בכלל פּטור פון גרינדלעכער קולטור־אַרבעט — קולטור געהער דאָך צו מצות הנהגות בארץ — כ'מיין אין פּוילן!

עפּעס עקזיסטירט יאָ אַ יידישע סעקציע ביי דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געבן זיי אַרויס אַ בלעטל אין ענגליש. און דאָס נעמלעכע איז צו הערן פון די פּועלי־ציון....

זיכער וועט מען באַלד אָנהויבן טומלען; (און אייניקע האָבן שוין אָנגעהויבן.) מענטשן מיט רייזע־פיבער וועלן נעמען גרינדן פּראָוויזאָרישע קולטור־סעקציעס, — „איקוף"? „ציקוף"? — פרעג זיי בחרם! דאָ פאַר אונז וועט דאָס אויך גוט זיין, וואָרים אַז מ'פיבערט איז דאָך אַ סימן אַז מ'האָט כאָטש — ס'קרחות!....

ווי עס שיינט וועלן שוין דעלעגאַציעס פון ענגלאַנד אָפּפאָרן צו ביידע קאָנגרעסן! און איבערהויפּט אַז מ'האָט אונז דאָ נישט איגנאָרירט, מוזן מיר דאָך אויך עפּענען דעריבער כאָטש אַ שטיקל דיסקוסיע איבער אַן ענין וואָס אין אַנדערע יידישע ישובים גייט עס ממש שוין כאַראַם.

## לעאָ קעניג

# קיום און קולטור

### (וועגן די געפּלאַנטע קולטור קאָנגרעסן)

די צאַנקערייען אין דער יידישער פּרעסע וועגן קולטור קאָנגרעסן און צי מיר קענען האָבן איין יידישן קולטור קאָנגרעס אָדער מיר מוזן טאַקע האָבן צוויי באַזונדערע קאָנגרעסן, האָבן מיר דערמאָנט אָן אַ זער פיינלעכן און מענטשלעכן עפּיזאָד אין דוהאַמעלס בוך „לאַ ווי דע מאַרטיר“:

אין אַ פּאַלאַטע מיט מלחמה פאַרוואונדעטע (דוהאַמעל איז געווען אַ דאָקטאָר אין דעם ערשטן וועלט קריג) איז געלעגן אָדער געזעסן אַ זעלנער אָן הענט און אָן פיס און געהאַלטן אין איין קרעכצן:

„אוי, דאָס פרישצעקל אויף מיין נאָז...

אָן הענט און אָן פיס, אָן לייב און לעבן... און געפּייניגט האָט אים נור דאָס פרישצעקל אויף דער נאָז וואָס ער האָט אפילו ניט געקאָנט קראַצן.

דערמאָנען ניט די איצטיקע דיסקוסיעס און צאַנקערייען אין דער יידישער פּרעסע וועגן קולטור און קולטור־קאָנגרעסן אָן אָט דעם שווידערלעך־פיינלעכן אינצידענט?

מיר זיינען אָקאָרשט אַלס אַ פאָלק אַרויס קיום מיטן לעבן פון דער צווייטער וועלט מלחמה; און וואָס איז אפשר נאָך טראַגישער פאַר אונז: דער שונא, דער געפערלעכסטער וואָס מיר האָבן ווען געהאַט אין אונזער געשיכטע, איז נור מ י ל י ט ע ר י ש אויף די פראָנטן באַזיגט געוואָרן, אָבער זיין „אידעאָלאָגיע“, די נאַצי־פאַשיסטישע גיפטן זיינען ניט נור געשאָנעוועט געוואָרן נור זיי ווערן איצט פאַרשפּרייט אפילו אין מאַנכע לענדער וואָס האָבן אַזוי העלדיש געקעמפט קעגן נאַצי־פאַשיזם....ס'איז ליידער גאָרניט איבערגעטריבן צו זאָגן אַז דער אַנטיסעמיטיזם שטייגט איצט און איז אַצינד כמעט אַזוי שטאַרק ווי אין די לעצטע פאָר יאָר ערב דער צווייטער וועלט מלחמה... ס'איז דאָ אַ געפאַר — און מענטשן זיינען אפנים אויף אַלעם פעאיק — אַז די זעקס מיליאָן און די נירעמבערגער פּראָצעסן זאָלן ווערן נור פּרעצעדענטן...

דאַרף מען נאָך זאָגן וואָס דאָס מיינט? דאָס מיינט ניט מער און ניט ווייניקער אַז אונזער גאַנצער פאָלקס קיום איז טאַקע פראָסט און פשוט אין געפאַר....

און וואָס טוט אונזער אינטעליגענץ, פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען, אַצינד? מען גוואַלדעוועט און מען קריגט זיך אַרום וועגן יידישער קולטור און קולטור קאָנגרעסן...

---

דן זיין לכף זכות?

איך ווייס ניט צו אפילו אַ בערדיטשעווער רב, וועלכער האָט אַזוי שיין באַרעכטיקט דעם בעל עגלה וואָס האָט אין טלית און תפילין געזשמעגעכטס די רעדער פון זיין וואָגן, וואָלט איצט געפונען אין זיך אַזוי פיל אמונה און כוח אויסצוּוישרייען צו זיין גאָט:



„זע רבונו של עולם וואָס פאַראַ טייער אינטעליגענץ דיין פאָלק האָט. דאָס פאָלק גייט אונטער און זיי רייסן זיך אַרום וועגן יידישער קולטור און קולטור־קאָנגרעסן.

איך צווייפל שטאַרק צו אפילו אַ בערדיטשעווער רב (וועלכער האָט, אגב, היינט אַזוי פיל פּאָעטישע נאָכמאַכער און נאָכקרימער) וואָס געפונען אין זיך אַזוי פיל אמונה דן לכף זכות זיין אונזער היינטיקע אינטעליגענץ און וואָרט־זאָגער.

אַ גרויס פאָלק? אַ אויסדערוויילט פאָלק? אַ מאַרטירער פאָלק? זיכער איז אָבער אַז מיר זיינען דאָס ניט רעאַליסטישסטע פאָלק צווישן פעלקער. אַסך פעלקער, און אפילו אַזוי גערופענע נאָרמאַלע און שטאַרקע, זיינען איצט שטאַרק פאַרזאָרגט וועגן זייער קיום, זייער „סערווייוול“ און דוקא נור אונזער יידישע אינטעליגענץ איז איצט אַזוי באַשעפטיקט מיט קולטור און קולטור־קאָנגרעסן.

---

אָבער, וועט מען מיר פרעגן, זעט איר ניט אונזער לאַגע אַביסל שוין צו שוואַרץ? פאַרזעט איר ניט, צום ביישפיל די גרויסע ליכטיקע געשעעניש אין אונזערע טרויעריקע טעג — וואָס ענדליך נאָך צוויי טויזנט יאָר ווערט צוריקגעשטעלט די יידישע מלוכה? ס'איז אמת, אַ גרויסע ליכטיקע געשעעניש פאַסירט איצט פאַר אונזערע טרויעריקע אויגן, און מיר נעמען אויף מיט גרויס ליבשאַפט און אַנגסט די אונגעהויער שווערע און טראַגישע חבלי־מלוכה....

און טאַקע דערפאַר, ווייל איך פאַרזע גאָרנישט אויף די מעגלעכע אתחלתא דגאולה, וואונדער איך זיך נאָך מער אויף אונזער ניט רעאַליסטיש דענקען און פּלאַנירן:

אַ יידישע מלוכה האַלט ביים געשאַפן ווערן, לאָמיר זיין אָפּטימיסטיש און גלויבן אַז די יידישע מלוכה מוז און וועט געגרינדפעסטיקט ווערן. וואָס הייסט עס? דאָס הייסט: ערשטנס, אַז דער מאַקסימום פון די אויפגאַבן און צילן וואָס אונזער אויפגעוואַכטער און אָרגאַניזירטער וועלטלעכער נאַציאָנאַליזם און פאָלקיזם פונם לעצטן יאָרהונדערט ווערט פאַרווירקלעכט; האָבן אַלע אונזערע שעפערישע פאָלקס־כוחות זיך ניט קאָנצענטרירט אויף שפּראַך, קולטור־און ליטעראַטור ווי אויף „כמו מלוכות“, ווי אויף די איינציקע „מעגלעכע“ נאַציאָנאַל שעפערישע פאָרמען פון אַ פאָלק אין גלות.

און איצט ווערט די יידישע מלוכה רעאַליזירט; אונזער לאַנד ווערט ווידער אונזער לאַנד, ד"ה די נויטווענדיקסטע באַזע — אַ פאָלקס־מערהייט אויף אַ אייגענעם באָדן — אָן וועלכע דאָס שאַפן און די אַנטוויקלונג פון אַ פאָלק אין אַלע אַנדערע פאָרמען קען ניט זיין נאָרמאַל, ווי עס האָבן אָנגעהויבן איינזען אפילו אונזערע אַנטי ציוניסטישע פאָלקיסטן.

און צווייטנס, וועלן די נעכסטע פאָר יאָר, די שעפערישסטע און קריטישסטע אין א"י, און אפשר אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע, ניט צו־

נעמען פון אונז דעם מאַקסימום פון אונזערע קולטור־כוחות, פון אונזער אינ־
טעליגענץ, פון אונזערע לעבעדיקע, נאָך גאַנץ געבליבענע נערוון? וועלן
אונזערע העברעאישע און ציוניסטישע שריפטשטעלער און קולטור־טוער קע־
נען מיטן גאַנצן האַרצן און קאָפּ אָנטייל נעמען אין סיי וועלכן געפּלאַנטן
יידישן קולטור קאָנגרעס אין דער היסטאָרישער שעה, ווען מיר מאַכן אפשר
דעם לעצטן פּרואוו צו ווערן אַ פאָלק צווישן פעלקער? און דריטנס: מיר
האָפן אַלע, ווי געזאָגט, — אויסער אפשר די עקסטרעם רעכטסטע אַסימי־
לאַטאָרן אונזערע אַז אין די נעכסטע פאָר יאָר וועט די יידישע מלוכה גע־
גרינדפעסטיקט ווערן — וואָס זשע נאָך באַדייט עס פאַר אונז? מיינט עס
אויך ניט אַז אונזער גאַנצער נאַציאָנאַליזם און פאָלקיזם אין גלות וועט מוזן
איבערשאַצט ווערן און קרינן אַ נייע אָריענטאַציע? קלערן, אַ שטייגער, אונ־
זערע איצטיקע יידישיסטן, פאָלקיסטן, אָדער סתם „יידישע קולטוריסטן“ אַז
זיי וועלן שאַפן און אויפהאַלטן אַ יידישע נאַציאָנאַלע פאָלקס קולטור, אַ
יידיש פאָלקס לעבן אין דער דיאַספּאָראַ וואָס וועט זיין אינגאַנצן אַנדערש
און באַזונדער אונאָפּהענגיק פון דער יידישער מלוכה אין א״י? איז ניט
פיל לאָגישער צו קלערן און דערוואַרטן אַז די מערהייט פון אונזערע בעסטע
און שעפערישסטע פאָלקס כוחות וועלכע זיינען איצט אפילו ניט אויסגע־
שפּראָכן ציוניסטיש, וועלן זיך קאָנצענטרירן אין און אַרום דער יידישער
מלוכה, פּונקט ווי מיר קענען זיך רעכטן אַז אַלע איצטיקע אַסימילאַטאָרישע
און פילאַנטראָפּישע ציוניסטן וועלן פאַרלאָזן די קליינע יידישע מלוכה מיט
דעם אייגנאַרטיקן יידישן פאָלקס לעבן וואָס וועט זיך דאָרט אויסבויען?
און באַמערקן מיר שוין ניט אָט די טענדענצן? (יידישע שרייבער, יידישע
פאָלקס מענטשן קלערן שוין אַצינד מער פון א״י ווי פון ניו־יאָרק)? —

און טאָמער וועלן אייניקע פון אונזערע פעסימיסטן זאָגן (און צו אונזער
גרויסן באַדויערן קענען מיר ניט איגנאָרירן אַלע מאָטיוון וואָס באַרעכטיקן
אַ פעסעמיסט) „וואַרט, די יידישע מלוכה איז נאָך נישטאָ; זעט זי גרינדעט
זיך אין אַזאַ ניט פריינטלעכער, פּאָליטישער וועלט און זי איז שוין אַרומ־
גערינגלט פון אַזוי פיל ניט פריינטלעכע אַראַבישע מלוכות, וועלכע ווערן
אַליין נאַציאָנאַליסטישער און אָרגאַניזירטער? קומט ניט אונזער „לעצטע
גאולה“ צוזאַמען מיטן שוואַרצן שאָטן פון אַ „לעצטן חורבן“? — און אויב
ס'איז, חלילה, דאָ אַ שטיקל באַרעכטיקונג פאַר דעם פעסימיזם, קענען מיר
זיך אפילו פאָרשטעלן וואָס פאַרא ווירקונג אַ דורכפאַל וועט האָבן אויף אונ־
זער נאַציאָנאַליזם און פאָלקיזם און אויף סיי וועלכער פאָלקיש יידישער קול־
טור־אַרבעט אין גלות?

איך מיין אַז ס'וועט גאָרניט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן אַז אַ דורכפאַל
פון אונזער לעצטן מלוכהשן עקספּערימענט וועט זיין ניט וועניקער פאַטאַל
פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור און פאַר אונזער גאַנצן פאָלקישן
וועזן אין דער דיאַספּאָראַ, ווי ס'איז דער חורבן פונם זעקס מיליאָניקן אייראָ־
פּעאישן יידנטום.



ס'וועט שוין ניט זיין קיין פראַגע פון אַ פאַרשטאַרקטער אַסימילאַציע,
נור פון אַ „ראַטעווע זיך ווער עס קען“ —

און אין אָט די אומשטענדן אין וועלכע אונזער פאָלק געפינט זיך אַצינד,
ווען אונזער פיזישער פאָלקס קיום אַלס אַ פאָלק איז אין משקל, און ביי די
פּערספּעקטיוון — האָט זיך אונזער פאָלקישע אָדער יידישיסטישע אינטע־
ליגענץ פון אַלע שאַטירונגען זיך צואַמפּערט וועגן אַ יידישן קולטור קאָנגרעס
— און נאָך פון צוויי קולטור־קאָנגרעסן.

אונזער גאַנצער פאָלקס־קיום איז איצט געדראָט מער און געפערלעכער
ווי סיי ווען אין דער געשיכטע (ניט רעדענדיק שוין מאָמענטאַל פון דער
דריטער אַטאָמישער וועלט מלחמה וועלכע דראָט איצט אפילו אַלע „געזונטע
און נאָרמאַלע פעלקער“) — פאַשיסטישער אַנטיסעמיטיזם בושעוועט איצט
פּונקט ווי ערב דער צווייטער וועלט מלחמה; און אין א״י ווערט איצט גע־
מאַכט דער לעצטער העראָאישער און טראַגישער פּרואוו צו ראַטעווען כאָטש
אַ טייל פון אונזער פאָלקס־קערן — און מיר האָבן זיך צעגוואַלדעוועט
„גוואַלד נאָמיר ראַטעווען יידישע קולטור... נאָמיר פאַרופן אַ קולטור קאָנ־
גרעס, צוויי קולטור קאָנגרעסן. — רבונו של עולם, מיט וואָס פאַראַ ניט
רעאַליסטישער אינטעליגענץ האָסטו געבענטשט דיין אומגליקליך פאָלק
ישראל!

---

נאָמיר ראַטעווען די יידישע קולטור... נאָמיר גיך צונויפרופן אַ יידישן
קולטור קאָנגרעס. וואָס איז אַזוינס יידישע קולטור? וואָס איז אַזוינס אַ נאַ־
ציאָנאַלע קולטור און קולטור בכלל?

יעדע ענציקלאָפּעדיע, יעדער ווערטער־בוך וועט אייך זאָגן אַז קולטור
איז דער דינאַמישער אייגנאַרטיקער סכום פון די אַרבעטן פון אַ פאָלק אויף
אַלע שעפערישע און פּראָדוקטיווע געביטן... ס'איז דאָ אַגריקולטור, טעכנישע
קולטור, קינסטלערישע און ליטעראַרישע קולטור. אָבער ווען אַ פאָלק איז ניט
זיכער ממש מיטן לעבן, מיט די עלעמענטאַרסטע פאָרמען וועלכע זיינען נוי־
טיק פאַר יעדער קולטור און איר אַנטוויקלונג, טאָ ווי קען מען גאָר רעדן
פון ס' וועלכע נאַציאָנאַלער קולטור? ווען דער קיום פון אַ פאָלק איז איינ־
געשטעלט ווי קען מען ראַטעווען זיינע קולטור פאָרמען, ניט ראַטעווענדיק
פריער זיין קיום? הערן מיר איצט פון קולטור קאָנגרעסן ביי די אַרומיקע
געזונטערע און נאָרמאַלערע פעלקער? זיי זיינען אַצינד הויפּטזאַכלעך באַ־
שעפטיקט מיט זייער זיכערקייט, מיט זייער „סורווייוול“... און מיר, און
אונזער אינטעליגענץ — מער פעלט אונז איצט ניט ווי אַ יידישער קולטור
קאָנגרעס, אָדער צוויי קאָנגרעסן?

זיינען מיר אַלע געוואָרן "יבנה'יסטן"? און איז היינטיקע צייטן מעגלעך
אַ „יבנה'יזם“? (אָנהענגער פון אַ אחד־העמישן מרכז רוחני געפינט מען איצט
נור צווישן די ענגלענדער, דאַכט זיך)... אָדער האָבן מיר זיך אַזוי צושריגן
וועגן אַ יידישן קולטור־קאָנגרעס, ווייל אונזערע לעצטע יידישיסטן און קול־

טוריסטן איילן זיך שוין שטעלן מצבות (נאך אין איבערזעצונגען) דער יידי־שער שפראך און ליטעראטור, דער אלטער יידישער קולטור און שטייגער לעבן נאך איידער זיי זיינען אינגאנצן אויסגעגאנגען פאר אונזערע אויגן? איילן מיר זיך איצט שוין צו שאפן א נייעם נאציאנאלן מוזעאום אדער פאנטעאן פאר דער נייער יידישער ליטעראטור (און מיט א כונה זיך אליין באלזאמירן און „אונשטערבלעך" מאכן)?....

פון דעם וואס איך האב ביז איצט געלייענט וועגן דער נויטיקייט אין דעם איצטיקן מאמענט פון א יידישן וועלט קאנגרעס איז מיר ניט קלאר צו די פארשידענע איניציאטארן אליין איז קלאר נאך וואס מען דארף און וואס קען דינען אין דער איצטיקער טויט אדער לעבן תקופה פאר אונזער פאלק (און אפשר אויך אלע פעלקער) א יידישער קולטור־קאנגרעס?....

ש. ניגער האט לעצטנס געשריבן אז מיר דארפן האבן א קולטור קאנ־גרעס „אויפצוּוועקן אונזערע אלטע נשמה אפעטיטן"....און דער פיל ניכ־טערער י. פאט וויל זיך, ווייזט אויס, איינגלויבן אז א קולטור קאנגרעס איז אונזער „לעצטער שאנס" צו ראטעווען די יידישע שפראך און ליטעראטור... ווייל די אמעריקאנער יידן האבן איצט אסך געלט אויסצוגעבן... פאט וויל עס אפנים מיט גוואלד גלויבן, אבער מען זעט עס צווישן די שורות אז ער גלויבט ניט אז מען קען מיט געלט מאכן יידיש רעדנדיקע יידן אין אמעריקע צו אין רוסלאנד... און אז די אלע נייע פארלאגן, איבערזעצונגען, מיט אפאלאגעטיק שמעקנדיקע אנטאלאגיעס און יזכור־ביכער וועלן שאפן איין נייעם יידישן פאלקס דיכטער, צו נאך איין שלום עליכם?....

אפילו מען זאל צוצאלן די יידישע תלמידים אין די נייע געגרינדעטע יידישע שולן וועלן זיי דען ממשיך זיין די שפראך פון די אומגעקומענע?

וואס איז שייך דעם פארשלאג ס'זאל זיין א „שמע בכל לשון שאתה שומע" קאנגרעס. א קאנגרעס פון יידן, וואס שרייבן אין פארשידענע שפראכן איז עס אפשר דער „דעפעטיסטישסטער" שטאנדפונקט. וואס קען קומען פון יידישע שרייבער: די יידישע שפראך און ליטעראטור איז געווען ביז לעצטנס כמעט אונזער איינציקער נאציאנאלער פאלקישער באדן, וואס איז אויפגע־קומען ווי א לעבעדיקער שעפערישער אינזל צווישן די אסימילאטארישע ווא־סערן פון אונזער פילשפראכיקייט....דער אינזל איז אי פארפלייצט געווארן אי פארלאזט געווארן... די אנעמישע און אפאלאגעטישע פילשפראכיקייט אונזערע האט גובר געווען די יונגע יידישע ליטעראטור און פאלקסשפראך וועלכע זיינען אזוי לעבעדיק און ארגאניש אויפגעקומען מיטן באוואוסטזיין פון אונזערע פאלקס מאסן — און כדי צו ראטעווען די יידישע שפראך און פאלקס ליטעראטור, שלאגט פאר א יידישער פובליציסט ווי שכנא עפשטיין א.א. — מען זאל פארופן א יידישן קולטור קאנגרעס מיטן אנטייל פון די אלע וואס האבן פארלאזט, ווען אפילו בשוגג, די יידישע פאלקס שפראך און זיך שפראכלעך גענומען אסימילירן.

איך בין אוודאי ניט קיין קעגנער פון „פאריייניקטע נאציאנאלע פראנטן"



קעגן פאשיזם; און איך בין אוודאי פאר א פארשטענדניש צווישן די יידישע שרייבער אין אמעריקע און אין סאוויעט רוסלאנד, ווייל די יידישע שפראך וואס בינט זיי איז פיל שטארקער און ארגאנישער יידיש ווי די אלע אידעאלאגישע און פאליטישע פארשידענהייטן זייערע....אבער רופן א יידישן „שמע בכל לשון שאתה שומע"־קולטור-קאנגרעס איז קולטורעלער דעפיטיזם... פאר וואס שוין ניט רופן א קאנגרעס פון עספעראנטיסטן צו ראטעווען די יידישע שפראך פון אונטערגאנג?

מיר דאכט זיך אז דעם פראקטישסטן און לאגישסטן פארשלאג האט שוין, דאכט זיך, געמאכט ד"ר מוקדוני, עס זאל צוזמען גערופן ווערן ניט קיין קולטור קאנגרעס נור א קאנגרעס פון יידישע שרייבער... אזא פראפע-סיאנעלער קאנגרעס וועט שוין קענען זיין זאכלעכער און ווייניקער פרעטענציעז און ווילד אבסטראקט... ווי אלע פאכן און טרייד יוניאנס האבן אויך די יידישע שרייבער א רעכט און אויך א חוב ארום צו רעדן און פאר־האנדלען זייערע פראפעסיאנעלע אינטערעסן, וועלכע זיינען לעצטנס שטארק שפלדיק. דער ריין פראפעסיאנעלער כאראקטער פון אזא שרייבער קאנגרעס וועט אפשר אויך מעגלעכער מאכן א צוזאמענארבעט צווישן יידישע שרייבער פון פארשידענע לענדער און ריכטונגען... פראגן פון אויסטויש פון ביכער, קאפירייט, און קאאפעראטיווע פארלאגן, און פון סובסידיעס פון וועלטלעכע יידישע ארגאניזאציעס, קענען גיכער באהאנדלט ווערן פון שרייבער פון די פארשידענסטע ריכטונגען און טענדענצן, קינסטלערישע און פאליטישע, ווי אבסטראקטע טענות ומענות וועגן יידישקייט, יידישער קולטור און וועגן איביקע ווערטן, ווי אויפריכטיק יעדער פון אונז זאל עס ניט מיינען...

קיין שרייבער קאנגרעס, ווי רעפרעזענטאטיוו ער זאל ניט זיין, קען ניט דיקטירן דער ווירקלעכקייט, ווער שמועסט אונזער איצטיקער טראגישער ווירקלעכקייט, וואס פארא קולטור עס זאל געשאפן ווערן, און די פייער־לעכסטע און טאלאנטפולסטע דעקלעראציעס „יהי קולטור" וועלן אונז ניט העלפן, ווען מיר, און אלע פעלקער, וועלן ניט שאפן די גינסטיקע באדינגונגען אין וועלכע אלע פעלקער וועלן קענען בייטראגן זייער נאציאנאלן חלק צו דער אלמענטשלעכער קולטור.

שרייבער קאנגרעסן קענען אויך ניט דיקטירן — סיידן מיטלמעסיקייטן, וואס ווערן סיי ווי, אפילו ווען זיי ווייסן עס אליין ניט, דיקטירט — ווי אזוי צו שרייבן און וואס צו שרייבן...

נאך וואס זשע מרעיש עולם זיין וועגן קולטור קאנגרעסן, ווען דאס בעסטע און פראטישסטע וואס קען דערגרייכט ווערן אויף אזא קאנגרעס זיינען פראפעסיאנעלע אינטערעסן? פאר וואס זשע ניט לכתחילה פארופן א פראפעסיאנעלן יידישן (און העברעאישן, וואלט איך צוגעגעבן) שרייבער קאנגרעס אנשטאט א קולטור קאנגרעס?

ס'איז אמת אז אייניקע פון אונזערע ליבע, גוטע און בארימטע שרייבער, וועלן צו אזא פראפעסיאנעל קאנגרעס ניט דארפן קומען איינגעוויקלט אין

זייערע עטרות און וועלן קענען איבערלאָזן זייערע קריגעלעך שמן המשחה אין זייערע שרייב־טיש־קעסטלעך — אָבער אונזער גרויסער חורבן וועט צוליב דעם ניט פאַרשוועכט ווערן, און די ווערק פון אונזערע אומגעקומענע חברים וועלן אפשר בעסער אַרויסגעגעבן ווערן אָן די איבעריקע פאַרשוועכנדיקע „אחרי מות קדושים וגדולים“.

איך האָף אַז אויף אַזאַ קאָנגרעס וועט מען מער שווייגן צו זייער אָנדענק ווי רעדן.

---

און איצט אַ פּאָר ווערטער וועגן דער פּאָליטיק וואָס ווערט געטריבן בשוגג ובמזיד, אַרום די געפּלאַנטע קאָנגרעסן:

ס'קאָן קיין ספק ניט זיין אַז אין אַ וואָלאַס־פּאָליטישער אַמעריקע, וואָלט גיכער געקומען צו אַ פאַרייניקונג צווישן ציק"א און איקו"ף וועגן דעם צו אַ אַנדערן געפּלאַנטן יידישן קאָנגרעס, פּונקט ווי מען קען ניט לייקענען אַז אַ „פאַרייניקטער קולטור פראָנט“ האָט אויך אַ פּאָליטישן ביי־טעם.... (און אפשר גאָרנישט אַזאַ שלעכטן)?

ווי ס'אַמעריקאַניזירט זיך אַזוי יידישיזירט זיך איצט ביי אונז אין אַמעריקע; און אין דעם פּאַטאַלן „אייזערנער פאָרהאַנג“ איז אוודאי ניט איין צד שולדיק.

די שוידערלעך פּאַטאַלע צוטיילונג אויף די מערב און מזרח בלאָקן, ווערט אַלץ שאַרפער און דראָענדיקער... און אַסך פון אונז, מאַכן איצט, ווען אַפילו אונשולדיקערהייט, די זעלבע „בלאָקן פּאָליטיק“... ניט קוקנדיק דערויף וואָס מיר זעען אַליין ווי פּאַסיוו ס'איז שוין דער „מערב בלאָק“ צו דעם וואַקסנדיקן פאַשיסטישן אַנטיסעמיטיזם.

צו וואָס וועלן די אַנטאָגאָניסטישע צוויי בלאָקן פירן? אַלע גרויסע און קליינע פעלקער און לענדער שוידערן און האָבן ווייזט אויס מורא צו קלערן און פאָרויסזען.

און מיר, וואָס אַ דריטל פון אונזער פאָלק — אפשר דער פאָלקישסטער קערן — איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון אונטער גאָטס הימל אין דער צווייטער וועלט מלחמה, מאַכן אויך פּאָליטיק און פּלאַנעווען צוויי וועלט קאָנגרעסן.

---

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy   £1. 1. per annum.
75 Great Russell Street. W.C.1



## אליהו פאַלושאַק

# פונם יידישיסטישן ערב־רב

(געווידמעט דעם 5־יאָריקן באַשטיין פון „פריינט פון יידיש לשון“)

עפּעס דרייט זיך מיר אין קאָפּ דאָס געלונגענע ווערטל פונם „יידישיס־טישן ערב־רב“ וואָס אַן אָפּגעלאָזטער יידישער שרייבער האָט אין זיין שלעכ־טער שטימונג געשאַפן, כדי עמעצן צו באַליידיקן און... צו באַשמוצן דאָס אייגענע נעסט, אין וועלכן ער האָט געלעבט און לעבט נאָך איצטער, און פון וואו ער האָט געצויגן זיין מאַטעריעלע און גייסטיקע חיונה עד היום.

דאָס ווערטל געפעלט מיר. עס איז ווערט צו ווערן אויפגענומען אינם אוצר פון יידישע אידיאָמען און גלייכווערטלעך. „יידישיסטישער ערב־רב!“

ווערטלעך מאַכן אַמאָל געשיכטע, און ווערטער, געשאַפן און באַנוצט מיט דער כוונה עמיצן צו קרענקען און צו דערנידריקן, ווערן אַמאָל נעמען, וועלכע פאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אַזוי איז געשען מיט דעם וואָרט „גויזען“ אין דער צייט, ווען פלאַנדערן און די נידערלאַנדען (האָלאַנד) האָבן געפירט זייער באַפרייאונגס־ קאַמף מיט 300 יאָר צוריק קעגן דאָס אינקוויזיטאָרישע שפּאַניע פונם אכזר פיליפּ דעם צווייטן, און דאָס זעלבע מיט דעם וואָרט „סאַנקיולאַט“ אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע 1789־1795. „גויזען“ האָט געמיינט בעטלער, שנאָררערס און „סאַנקיולאַטס“ — אָן הויזן, אָפּגעריסענע. אַזוי האָבן די מאַכט־האָבער און רעאַקציאָנערן פון דאַמאָלס אָנגערופן די מוטיקע גבורים און פרייהייטס־קעמפער קעגן קעניג פיליפּ און הערצאָג אַלבאַ פון שפּאַניע און לודוויג דעם 16־טן פון פראַנקרייך. די דערמאָנטע צונעמען האָבן געזאָלט אויסדריקן פאַראַכטונג, אין אמתן זיינען זיי געוואָרן ערן־נעמען פון אייביקן היסטאָרישן ווערט.

לאָמיר זיין באַשיידן. וואָס קען שוין זיין מיאוס אַזאַ שיין ווערטל ווי יידישיסטישער ערב־רב“? וואָס קען שוין זיין שלעכטץ אין דעם, וואָס עס געפינט זיך אַ גרופּע אָדער גרופּעס מענטשן, וואָס זייער באַשטרעבן איז אויפצוהאַלטן יידיש־לשון, יידישע ליטעראַטור און אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיטן גייסטיקן שאַפן אין דער יידישער שפּראַך?

ווער עס איז פאַרביטערט און שטייט אין דרויסן אָדער האָט נישט דעם געזונטן חוש פון אחדות און צוזאַמענהאַלטן, (און אפשר אויך נישט אַביסל קולטור־דיסציפּלין) האָט נישט קיין שום באַגריף, אַז יידיש אַלס שפּראַך און קולטור־פאַרמיטלער איז נאָך נישט טויט. איך זאָג באַשיידענערהייט: „נאָך נישט!“, ווייל מען ווייס נישט, וואָס עס וועט זיין מיט הונדערט יאָר שפּעטער. בנוגע שפּראַכן און קולטורן האָבן מיר אין די לעצטע יאָרהונדערטער דערלעבט גרויסע איבעראַשונגען, און עס איז מעגלעך, אַז יידיש אַלס שפּראַך און קולטור־מיטל וועט זיין לעבעדיק און שעפעריש אין די קומענדיקע יאָר־הונדערטער און נאָך שפּעטער, ווען די נעמען פון די אָנגרייפערס און יידיש־שונאים וועלן שוין זיין פאַרגעסן אין אַלע אייביקייטן.

מיר פונם יידישיסטישן ערב רב פאַרשליסן נישט אונדזערע אויגן פאַר רעאַליטעטן. מיר ווייסן, וואו מיר האַלטן, און אַז די פּאָזיציע פון יידיש דאָ, אין מלכות ענגלאַנד איז אַ שוואַכע. איז אָבער אַן אַנדער שפּראַך במקום יידיש געוואָרן דאָ דער גרויסער קולטור־פאַקטאָר אינם יידישן ישוב? מיר ווייסן פּאָזיטיוו, אַז ניין.

אויב גוט, אויב שלעכט — דערשיינט דאָ אין יידיש אַ טעגלעכע צייטונג. נישט אין ענגליש און נישט אין העברעאיש דערשיינט רעגלמעסיק אַן אומ־אָפּהענגיקער חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, קונסט און טעאַטער, ווי אונדזער „לשון און לעבן". און וואָלטן מיר געווען לייט מיט לייטן צוגלייך, מיר פונם יידישיסטישן ערב־רב, און נישט צעשפּליטערט דאָרט, וואו מען דאַרף זיין געאייניקט, וואָלטן מיר אויך געהאַט אַ גוטע יידיש־יידישע וואָכנצייטונג מיט ידיעות מארבע פינות העולם, מיט אַ לייט־אַרטיקל מעניני דיומא, מיט אַ וואָכן־איבערזיכט, גוטע דערציילונגען, פּאָעזיע, דיסקוסיעס, אַלגעמיינע יידישע קולטור־פראַגן, שאלות ותשובות, ספּאָרט און... אַסך אַנאָנסן. (יאָ, אַ סך אַנאָנסן — אויך זיי געהערן צו אַ לעבנס־פייאיקער גוטער צייטונג!) און לייענער וואָלטן געדאַרפט צו זיין אַ סך. דער ייד פון אַ גאַנץ יאָר האָט ליב צו לייענען, ווען מען גיט אים דאָס ריכטיקע, באַזונדרס צום וואָכן־ענד, — שבתים און ימים טובים. אַ גוטע און פעטע פרייטיקדיקע יידיש־צייטונג וועט אפילו דאָ אין ענגלאַנד זיין דער גרויסער עונג שבת ווי מיט יאָרן צוריק אין אונדזער אַמאָליקער — היינט חרובער — היים.

דערווייל איז די דאָזיקע יידיש־יידישע וואָכנצייטונג נישטאָ (די יידישע וואָכנבלעטער, וואָס דערשיינען דאָ אין ענגליש, זיינען ענטוועדער פאַמיליען־און אינפאָרמאַציאָנס־בלעטער, אָדער אָרגאַנען, וואָס דינען אַ באַשטימטער פּאַרטיי אָדער וועלט־אַנשויאונג), קיין שטאַרק ענטוויקעלט יידיש־קולטורעל און יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן איז נישטאָ, אָבער עס האָבן זיך איינגע־פונדעוועט אין ווייטשעפּל די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטיקס, וואָס ווערן באַזוכט פון אַ שטענדיקן עולם, אַ מין יידישיסטישער ערב רב, פון וועלכן עס איז אַרויסגעשפּראָצט מיט פינף יאָר צוריק אַ „געמויזעכץ" מיטן נאָמען „פריינט פון יידיש־לשון".

שוין וועגן דעם נאָמען אַליין זיינען ביי פריינט און קעגנער פאָרגעקומען וכוחים. וואָסער קאָמישער נאָמען, פלעגט מען זאָגן: „פריינט פון יידיש לשון?" ס'איז גאָרנישט אַזוי קאָמיש! קיינער וועט נישט אָפּלייקענען, אַז עס זיינען דאָ שונאים פון יידיש־לשון נישט פון היינט און נישט פון נעכטן, נאָר זייט פינף — זעקס דורות. איז טאַקי צייט, אַז עס זאָלן וואַקסן און זיך מערן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס מיט דעם נאָמען „פריינט פון יידיש לשון".

אין די אַמאָליקע יידישע ישובים פון רוסלאַנד, פּוילן און ליטע האָט מען אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס נישט געברויכט, ווייל דאָס טאָג־טעגלעכע און יום־טובדיקע לעבן פונם רוב פון פאָלק האָט זיך אָפּגעשפּילט אין יידיש.



אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס: פּאָליטישע, קולטורעלע און פּראָפעסיאָנעלע, זיינען, מיט קליינע אויסנאַמעס, געווען טרעגער פון יידיש־לשון. אָבער דאָ וואו אומוויסנקייט און בלינדע שנאה צו דער פאָלקסשפּראַך, איז געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון יידישער „קולטור־פּאָליטיק"; דאָ, וואו אפילו די, וואָס „מאַכן" אַ גוט לעבן פון דער שפּראַך יידיש, האָבן זי פיינט תכלית שנאה, און באַמיען זיך נישט אין וואָרט און שריפט צו באַהערשן יידיש־לשון ריין און קלאָר, צוגעפּאַסט צו די אייגנטימלעכקייטן פון דער שפּראַך, — דאָ איז אַ געזעלשאַפט „פריינט פון יידיש לשון" אַ לעבעדיקע נויטווענדיקייט.

די אויבּיקע שורות זיינען געשריבן געוואָרן איידער ס'איז אָנגעקומען די גרויסע ידיעה פונם באַשלוס פון דער „אונאָ" צו שאַפן אַ יידישע מלוכה אין ארץ ישראל. עס קען זיין, אַז די צאָל פון די „קולטור־טרעגער" קעגן יידיש וועט וואַקסן. אָבער אונדזער שטעלונג, אינם יידישיסטישן ערב רב, האָט זיך נישט געענדערט. מיר ווייסן, און די יידיש־קעגנער דאָ און מעבר לים דאַרפן וויסן, אַז די יידיש־יידישע קולטור איז נישט געווען עפּעס סתם אַ צופעליקע קאַפּריזנע צוואַרפעניש פון אַפּגעצטערן גורל, נאָר אַ געוואַלטיק גייסטיקע מתנה פון דער השגחה, געבוירן אינם געזונטן שוים פון אַפילו אין אַ ביטערן גלות קולטור־פייאיקן און קולטור־שאַפנדיקן פאָלק. און ווען יידן אַלס פאָלק וועלן האָבן דאָס גליק און די פייאיקייטן אויפצובויען אַ פאָלקס־לעבן און מלוכה'שאַפט אין ארץ ישראל, גלייב איך נישט, אַז זיי וועלן אַלס פאָלקס־גאַנצקייט באַזיצן די משוגעת און אַוועקוואַרפן אַן אוצר, וועלכן עס רעפּרעזענטירט היינט יידיש־לשון, יידישע ליטעראַטור און יידיש־יידישע קולטור.

מיר רעדן דאָ נישט פון בלינדע פּאַרטיי־פאַנאַטיקער און יידיש־שונאים. וועמענס מעשים קענען היינט און מאָרגן האָבן אַ צייטווייליקן דערפאָלג. איך האָב שוין אָנגעטייט, אַז בנוגע שפּראַכן און קולטורן האָבן מיר אין די לעצטע יאָרהונדערטער דערלעבט גרויסע איבעראַשונגען. לאָמיר האָפן, אַז דער געזונטער קולטור־חוש פונם יידישן פאָלק וועט זיך אַנטשיידן קעגן די פּאַרטיי־פּאָליטישע מאַכינאַציעס פון פאַרבלענדעטע פאַנאַטיקער. און אונזער 2000 יאָריקן גלות איז נעבן העברעאיש (אין די לעצטע יאָר־הונדערטער) יידיש־לשון געווען אונדזער גרעסטער קולטור־פאַרמיטלער און גייסטיק־שאַפנדיקער פאַקטאָר. אַ פאָלק מיט אַ געזונטן חוש לאָזט אַזאַ מין אוצר נישט גיין לאבוד. העברעאיש אַלס שפּראַך און קולטור־פאַקטאָר וועט ביי דעם דאָזיקן דואַליזם נאָר קענען געווינען, ווי דאָס איז געשען אין דער צייט פונם יידישיסטישן קלאַסיציזם מיט דער הילף פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם און פּרץ. מיט דער בילדונג פון אַ יידישער מלוכה אין ארץ ישראל וועט דאָס אַלטע „יודן־פאָלק" זיך פּרעזענטירן פאַר דער וועלט מיט שטאָלץ:

איין לאַנד — איין פאָלק
צוויי שפּראַכן — איין קולטור.

און דערצו וועט אויך געהערן דער „יידישיסטישער ערב־רב".

### א. נ. שטענצל

## ירושלים

(אין דער נאַכט פון יז כסלו תש"ח)

אַ, קיינמאָל נאָך נישט אַזוי ירושלים,
האָסט דו אַ הימלישע אויפגעלויכטן אין דיין פּראַכט —
אין אונזערע טרערן באַהאָנגען ביזט געווען,
אַ כלה אין איר דערוואַרטעטער חופּה־נאַכט.

און אַז אָנטוענדיק דיין דימאַנטענע בראָש,
דיין איידעלער אַלבאַסטער האַלדז בלוטיק זיך פאַרשטאַכט — —
אָבער מאַכן דען טרויעריק טרערן און בלוט,
אַ כלה אין איר דערוואַרטערטער חופּה-נאַכט?

אַ צניעותדיקע אונטער טוליענעם שלייער
האָסט דו דיינע אויגן צעפינקלט אויפגעמאַכט —
אונטערן אויפציטער פון מיליאָנען הערצער,
אַ כלה אין איר דערוואַרטערטער חופּה־נאַכט.

פול רובינען אַן אויסגעשטריקט שטערן־טיכל,
דיך צום באַדעקן פון געליבטע הענט געמאַכט,
ס'איז דער הימל איבער דיר, ירושלים,
אין יענער אויפגעוואַכטער פאַרחלומטער נאַכט.

אַ צעשטראַלטער הוירא־ראָד, ירושלים,
האָבן לבניש די בערג אַרום דיר געמאַכט,
מיט קוילעטש אויף קאָפּ, אינמיטן חצות־געוויין,
איז שכינה אויפגעשטאַנען צעטאַנצט און צעלאַכט.

אָ, אָנגעצויגענע פידלען צום אויפשפּילן,
בלייבן שטיין די הערצער, איינגעהאַלטן פאַרטראַכט,
ווען איבער די מיליאָנען, די נישט דערלעבטע,
נאָט אַליין האָט דעם אל מלא רחמים געמאַכט — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי געהייליקט דו ביזט אונז, ירושלים,
אַז דערנידריקטע אַזוי און אַזוי פאַרשמאַכט,
מיט דיין נאָמען פריידיק באַפרייטן אויף ליפּן,
האָבן הערצער אונזערע האָפערדיק דערוואַכט.



## שארית-הפליטים הוירא-טאַנץ

האָבן אונזערע טאַטעס די פידלען
אויפגעהאָנגען ביי די בבל־טייכן, —
אויפגעפּלאַצטע צעריסענע סטרונעס
הענגענדיקע ווערבע־צווייגן גלייכן. —

האָבן מיר זיך געסטראָיעטע סטרונעס
נעצוינגן צו תליהשע הויכן;
פּעטלע אַזוילאַנג אַרום האַלדז געשטייפט,
דעם ריינעם קלאַנג צוריק צו דערגרייכן.

אַלע געוויינען דעמלט וואָס זיינען,
און פון ליידן ס'שרעקלעכסטע דערפילן,
אַז וואָס ווויאיקער, וואָס טיפער די וואונד,
אַלץ טיפער פון די פידלען דאָס שפּילן.

די גאַנצע וועלט אַצינד אַלע מענטשן
דעם הוירא־טאַנץ וועלן מיר אויפשפּילן — —
אַז טרייסלען ס'וועט די ערד אונטער די פיס,
און דאָס בלוט פון די שונאים — פאַרקילן!

און וועט די רעכטע האַנד פון צופיל טאַנץ
ווערן פאַרמאַטערט און אָפּגענומען?
איז לייב אין לייב פאַרוויקלט פאַרפלאָכטן,
ווי נ'גאַז־קאַמערן אַרומגענומען.

אַז מיר אַליין זיינען די באַס־פידלען
און פּעטלע־שטריק, סטראָינדיק צוברומען,
אונזערע תליה-צונגען, טרוקענע,
פון זינגען צוגעקלעפּטע צום גומען,

(און ס'פּלאַצן נישט די סטרונען — די שונאים!)
איז טאַנצן ביז משיח וועט קומען,
אַ הוירא איבער גאַנצן ערד־קיילעך,
מיט אַלע מענטשן אַרומגענומען.

## דער שווערדן-טאַנץ

„הגדיל אדוני לעשות עמנו" — — —
מיר זיינען אויסדערוויילט, מיר זיינען ווערט,
מיט אונזערע לייבער אויסצוטאַנצן,
לעצטן שווערדן־טאַנץ אויף הייליקער ערד.

ניישט רויך־זיילן וואָס ווערן צעבלאָזן —
אונזערע לייבער לייגן פונדאַמענט !
צו מאַכן פון זיי די אַקער־אייזנס,
נעמען מיר די כלי־זין אין די הענט.

ניישט אַש מער צו צעשטויבן אין דער לופט —
מיט אונזער לייב צו זעטיקן די ערד !
אין פייער פון דער צעפלאַקערטער פרייד,
ס'אַקער אייזן אויסשמידן פון דער שווערד.

זעקס מיליאָנען פאַר עמוד הענן —
צוויי מאָל אַזויפיל פאַר עמוד האש !
און פון שרעק ס'וועט אַרויסלאָזן דער לייב,
פון צווישן די ציין ס'פאַרציקטע שטיק פלייש.

אַן אויסגעשליפענע שאַרפע קאָסע
מוז אויסגעשמידט ווערן פון יעדער שווערד,
אַז שניידן קענען מיר זאָלן מיט פרייד,
אויסגעזייטער זריעה אַזוי פאַרטרעט.

„הגדיל אדוני לעשות עמנו — — —"
אָ, גרעסטער פון אונז זיינען זיי געווען,
אַש צו ווערן פאַר באַהאַלטענעם פונק,
אַז קיין בייז אויג זאָל נישט קענען אים זען.

און דער בלאָז־זאַק דעם פונק צו צעבלאָזן,
אַז אַ פלאַם אַ צעפלאַקערטער ער ווערט —
מיט די לעבעדיקע באַגראָבענע
ס'איז געוואַלטיק צעאָטעמט קיילעך ערד.

אָ, וואָס מער שווערדן, וואָס מער כלי זיין,
און צעפלאַקערטער דעם טליענדיקן פלאַם !
אַזוי געוואַלטיק מוז ווערן דער שניט,
גענוג ער זאָל זיין פאַר לייב און פאַר לאַם — —

אין אַקער אייזן, אין שאַרפער קאָסע
אויסגעשמידט מוז ווערן די קלינג פון שווערד
און לעבן בשלום מוז וואָלף און לאַם,
אַז אונזער פרייד זאָל נישט ווערן צעשטערט.



משה עובד

# סודות פון חדר

(אגדות און פירושים פאַרן בוך „אין חדר אַריין")

1

## מזל'דיקע „צדיקים"

די ערשטע קעץ האָבן געהאַט דעם כוח הדיבור אין אַ פולער מאָס און אַלץ, וואָס זיי האָבן געזעען, — און געזעען האָבן זיי דאָך אַלץ — האָבן זיי גענוי איבערדערציילט, אַזוי ווייט, אַז, לויט די מעשיות פון די קעץ, איז נישט געווען קיין איין מענטש בנמצא, וואָס מ'וואָלט אים געקאָנט אָנרופן מיט אַ ריין געוויסן ביים נאָמען „צדיק".

דער בורא האָט איינגעזעען, אַז ס'איז נישט קיין תכלית. מ'וועט דאָך זאָגן, אַז דעם מייסטער איבער מייסטערס איז נישט געלונגען צו שאַפן אפילו איין מענטש פון שלימות.

מה עשה היוצר, וואָס האָט דער מייסטער געטון ? ער האָט פון קעץ אָפּגענומען ס'לשון. און כדי צו פאַרזיכערן זיך, האָט ער אַרום זייערע מיילער אַריינגעשטאָכן דינע, שאַרפע נאָדלען, ס'זאָל זיי שטאַרק ווי טון יעדעס וואָרט, וואָס זיי וועלן פּרובירן אַרויסצורײדן ; עס זאָל זיי אַזוי שטאַרק ווי טון, אַז זיי זאָלן אַזש מוזן יאָמערן !

און זינט פון די קעץ איז געוואָרן אָפּגענומען ס'לשון, זיינען אויפגעקומען אַזויפיל „צדיקים", און זיי מערן זיך און פרוכפּערן זיך נישט נאָר צווישן יידן, נאָר אויך צווישן די אומות־העולם.

2

## איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר

אם ירצה השם, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, וועט אַזאַ לעגענדע ווערן דערציילט :

ווען דער בעלפער איז געקומען אין הימל אַריין האָט ער זיך אַרומגעדרייט ווי אַ מרוק. אַלע איינוואוינער זיינען דאָרט געווען מלא שמחה, דער גאַנצער הימלישער היכל איז געווען ווי אַ פּאַלאַץ פון געשליפענע שפּיגלען, יעדער שלייף — אַ שמייכל, יעדע אָפענע טיר — אַ געלעכטער, נאָר ער, דער בעלפער, האָט אַרומגעשוועבט ווי אַ וואָלקענדל, וואָס האָט פאַרלוירן זיין סטאַדע און איז געווען פול מיט מירמלונגען אויף דעם וועלט־פּאַסטוך.

נאָר גאָרנישט, מ'האָט אים געלאָזט. כאָטש עס הערשט דאָרט דער טאָטאַליטאַרער מאַנאָטעאיזם, גיט מען דאָך פאָלקאָמענע פרייהייט צו יעדן עקס־

לעבעדיקן מענטשן. ווילסט דיר ארומגיין אין עצבות? גיי דיר געזונטערהייט. קיינער שטערט דיר נישט, קיינער קיצלט דיך נישט. יעדער טראכט זיך: „אויב ס'איז דיר ניחא, איז מיר וואויל".

נאָר איינמאָל באַגעגנט דעם בעלפער ר' שמחה בר בר חדוה און פרעגט אים אזוי, אַלס קוריאָז:

— וואָס איז, בעלפערל, קענסט זיך עפּעס קיין אָרט נישט געפינען? גייסט אַרום מיט אַן אַראָבגעלאָזטער נאָז, ווי דו וואָלסט נאָך געווען אַ גלות-יידל, פול מיט תרעומות; ווי דו וואָלסט דיין באָמע'ס ירושה צוגעלייגט. וואָס איז, זעסט נישט ווי וואונדערבאַר דער מענטשן-פּלאַנעט זעט אויס פון דאַנען? קיינער קען זיך דאָך נישט זאַט אָנקוקן, און דו ווערסט גאָרנישט!

— איך זע, איך זע!

— נו?!

— נו, אָט דאָס פאַרדריסט דאָך מיך טאַקע! — האָט דער בעלפער געענטפערט. — פאַרוואָס האָט דער וועלט-בעל-הבית מיר נישט געוויזן די גוואַלדיקע שענקייט בשעת איך האָב דאָרט געוואוינט? אַלע האָריזאָנטן זיינען געווען פאַרשלאָסן פאַר מיר, מיט שטאָלענע רייפן פאַרהאַקט. האָב איך געוואָלט עפּעס דערגיין, איז עס נאָר געווען דורך שפּאַרעס און שליסל-לעכער. פאַרוואָס האָט מען מיר נישט פאַרטרויט קיין סודות? איך וואָלט דאָך נאָר טיפער געפילט, גאָר לעבעדיקער געלעבט, גאָר פריילעכער געאָטעמט. ווען איך וויים אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין! פאַרוואָס בין איך גייסטיק געבליבן איינגעהילט אין מיין געבורט-הייטל? עס איז דאָך אַזוי פאַרדרים-לעך, נישט אמת?

ענטפערט אים ר' שמחה בר בר חדוה:

— לויט ווי דו טענה'סט האָסטו רעכט. נאָר דו ווייסט דאָך דעם דין: „מ'מוז הערן ביידע צדדים איידער מען קען משפט'ן"?

און ער פליט אוועק שנעל — ר' שמחה בר בר חדוה איז געווען אין אַלע וועלטן באַרימט אַלס שנעלער פליהער — און ברענגט דעם מלאך כתביאל, וואָס פירט אַ דאָפּלטע בוכהאַלטעריע איבער דער ביאָגראַפיע פון יעדן מענטשן, אַז ער זאָל דעם בעלפער ענטפערן; אויב ער קען.

דער מלאך כתביאל איז געקומען צו פליהען אין אַ מעשה מרכבה און געבראַכט מיט זיך אַ גאַנצע ביבליאָטעק — אַ לוקסוס-אויסגאַבע פון צוויי הונדערט גרויסע ביכער; יעדעס בוך גרוים ווי אַ גמרא ירושלמי און דריי און אַ האַלב מאָל דיקער. און אויף די צוויי הונדערט רוקנס שטייט מיט גאָלדענע אותיות — יעדעס אות אַ צאָל די דיק — „דאָס לעבן און דער טויט פון בעלפער".

און אַזוי ווי ר' שמחה בר בר חדוה האָט דעם מלאך כתביאל שוין געהאַט אַלעס דערציילט, איז דער מלאך גלייך צוגעגאַנגען צום עיקר-ענין:

— זיי וויסן, בעלפערל, אַז אין די צוויי הונדערט ביכער זיינען פאַר-שריבן גענוי אַלע דיינע מעשים און מחשבות. אַלע דיינע חזיונות און חלומות,



אַלע דיינע מצוות און חטאים, אַלע דיינע גרויסע נאַרישקייטן און קליינע חכמה'לעך. דעריבער זיי פאָרזיכטיק. ענטפער נאָר דעם אמת!

און אַזוי ווי ער בלעטערט די ביכער, באַמערקט דער בעלפער, אַז זיי זיינען אַמייסטן געשריבן אין יידיש און זיי זיינען אילוסטרירט מיט לעבע-דיקע, ריידעוועדיקע און שמעקעדיקע בילדער, נאָך בעסער ווי אַ טעלעוויזיע-פילם; און — דער מלאך — רעדט ווייטער:

— זעסט, דיין געוועזן לעבן לעבט נאָך דאָ און וועט אייביק בלייבן לעבן. טאָ זיי פאָרזיכטיק, השמר והזהר. מיט דער קלענסטער ליגענד קענסטו זיך אַזוי מבייש זיין, אַזש ס'פּנים פון הימל זאָל זיך רויטלען.

— יאָ, — האָט דער בעלפער געענטפערט — איך וועל זיין שרעקלעך פאָרזיכטיק.

— גוט; גורט אָן דיינע לענדן, איך האָב דיר עטלעכע פראַגן צו שטעלן. קודם-כל, זאָג מיר, צי האָסטו געלעבט פון קנעלן?

— ניין, צום קנעלן האָב איך נאָך צו געלייגט ממון און דמים.

— טאָ פון וואַנען האָסטו זיך דערנערט, און פון וואַנען האָסטו געהאַט צוצולייגן ממון און דמים?

דער בעלפער, מיט אַראָבגעלאָזטע אויגן, שטאַמלענדיק:

— איך, איך האָב געהאַט אַ-אַ ק-ק-ר-ר-אָ-אָ-ם....

— שעם זיך נישט, יעדער מענטש האָט מער אָדער ווייניקער אַ קראָם — האָט כתביאל דעם בעלפער דערמוטיקט און פרעגט ווייטער:

— וואָס פאַר אַ מין קראָם האָסטו געהאַט?

— פון צירונג. — און ליגט צו מיט באַגייסטערונג: — עס האָט אויסגעזען ווי אַ הימל פון גאָלד און זילבער, געפּאַסט מיט בלאָע, גרינע און רויטע שטערן און רעגנבויגנס. און קונים? שיין — ווי לבנה'ס.

— אַזוי שיין?

— יאָ, אָן אַן עין-הרע, אַזוי שיין.

— אמת, עס שטימט.

איצט בלעטערט דער מלאך ווייטער די אילומינירטע ביכער און פרעגט:

— וויפיל קאַסעס האָסטו געהאַט פאַר דיין צירונג?

— פיר גרויסע.

— ווי גרויס די גרעסטע?

— גרויס ווי אַ גרויסער מענטש.

— און וויפיל קליינע קאַסעלעך?

— זעקס קליינע.

— ווי קליין די קלענסטע?

— ווי אַ קליין פייגעלע.

— אמת, עס שטימט! — און פרעגט ווייטער:

— אַלע געהאַלטן פאַרשלאָסן? די קלענסטע פייגעלע אויך?

— יאָ.

— עס שטימט. אויך א קאַסע געהאַט אַן אונטערערדישע ?
— יאָ, טיף אונטערערדיש.

און דער מלאך פרעגט ווייטער, האַלטנדיק איין אויג אין א ספר און איינס אויפ'ן בעלפער — דער מלאך כתביאל קען דאָס לייכט טון :

— האָסטו אויך געהאַט אייזערנע לאַדנס ?
— יאָ.
— און אַלע פאַרשלאָסן, פאַרריגלט און פאַרשרויפט ?
— נאָך ווי !
— און שלעסער געהאַט אויף די טירן און אין די טירן ?
— יאָ.
— ווי א פעסטונג ?
— כמעט.
— און דערצו נאָך געווען פאַרזיכערט ?
— זיכער. א שיינע פראַגע !

ווערט שוין מלאך כתביאל אויפגערעגט. ווי א באַ'עוול'טער פּאָעט, אזש אַלע זיינע זעקס פליגל, מיט זייערע סופרים־פעדערן, האָבן זיך געהויבן ווי שפּיזן, ס'געוויסן פון בעלפער געשטאָכן ; און ער שרייט :

— לויט ווי דו ביסט דיך אליין מודה האָסטו דיין צירונג קיין מענטשן נישט געטרויט. אַלע געהאַלטן אונטער שלאָס און שליסל. ווילסטו דער בורא עולם זאָל דיר האָבן פאַרטרויט אַלע סודי־סודות ! דרייסט זיך דאָ ארום און בורטשעסט, שטייסט דאָך אין דעם ליכט פון פרייד !

דער בעלפער האָט איינגעזען, אז ער איז א פאַרשפּילטער און דער רבונו של עולם — א געוואונענער, איז ער געוואָרן אביסעלע פרייליכער זאָגנדיק צום מלאך :

— כתביאל, אזוי ווי אין די צוויי הונדערט ביכער איז אַלץ פאַרשריבן נאָך בעסער און אמתער ווי אין מיינע אויטאָביאָגראַפיעס, ווייסטו דאָך, אז כאָטש איך האָב געהאַט אזויפיל קאַסעס און שלעסער, זיינען דאָך מיינע ווערטפולסטע זאכן גאָרנישט געווען פאַרשלאָסן.

ענטפערט אים דער מלאך :

— האָט דען דער בורא פאַרשלאָסן דאָס שענסטע ? ער האָט מגלה גע־ווען דעם טאָג און באהאַלטן די נאַכט ; געוויזן דאָס לעבן און באהאַלטן דעם טויט. ווען די בלום איז געווען בלאָטע האָט ער זי פאַרהוילן פון דעם בליק. אָבער ווען זי האָט זיך צובליט, האָט ער זי ענטפּלעקט. דעריבער זיינען אַלע דיינע פּרעטענזיעס און תרעומות נישט ווערט קיין אויסגעריבענעם ווייץ. דו גיי בעסער און ווער ר' שמחה בר בר חדוה'ס בעלפער. ער וועט שוין מאכן פון דיר א מענטש !

ווען דער בעלפער האָט איינגעזען, ווי גערעכט איז דער מלאך כתביאל, איז ער טאַקע געוואָרן ר' שמחה בר בר חדוה'ס איבערגעגעבענסטער בעלפער.



3

# ר' שמחה בר בר חדוה'ס צען נים

ווען דער בעלפער איז אַריין אין ר' שמחה בר בר חדוה'ס חדר האָט ער געזען א שוואַרצע טאַבליצע, אויף וועלכער עס איז געווען אויפגעשריבן מיט גאָלדענע אותיות :

„יעדעס יידעלע פון אלף־בית איז א פייגעלע.
עס זינגט זמירות פון יעדן שטענגעלע און צווייגעלע,
און ווי דער שומר־ישראל מאַכט עס קיינמאָל נישט צו קיין אייגעלע":

און ר' שמחה בר בר חדוה האָט דעם בעלפער מכבד געווען מיט צען שטערן־ניסלעך. און ווען ער האָט זיי אויפגעקנאַקט האָט ער אָט די יאָדרעס אין זיי געפונען : —

א. אַז דו טוסט אַ מצוה און קריגסט אַ גוטן שכר, זאָל עס דיר נישט שטערן צו פרייען זיך ווי געהעריק ; ווייל מיטן שכר קענסטו דאָך ווייטער טון אַ מצוה.

ב. פרייד און עצבות,ביידע וועקן אויף די פאַרשלאָפענע נשמה. נאָר צער וועקט זי אויף און טוט איר אָן יסורים, בשעת פרייד וועקט זי אויף און פוצט זי אויס מיט פאַרגעניגן.

ג. דער חכם, אפילו ווען ער וועקט אויף זיין נשמה מיט צער, גיט ער איר אַ כוס'עלע פרייד אויסצוטרינקען. אָבער דער שוטה, ער וועקט זי אויף מיט פרייד און גיסט אין איר אַריין — צער.

ד. אזוי ווי עס איז גוט פאַר דעם ריינסטן גאָלד צו האָבן אביסעלע פסולת אין זיך, אזוי איז גוט פאַרן ווײַן פון פרייד צו האָבן עטלעכע טראָפּנס צער אין זיך.

ה. נאָך מער ווי אַלטער וויין פאַר'שכור'ט פרישע פרייד.

ו. וואויל איז צו די ליפּן, וואָס זיינען טראָגנדיק מיט גוטע בשורות ; זיי וועלן זיכער האָבן נחת פון זייערע קינדער.

ז. אין טייך פון טרויער איז אַ מגפה אויף פיש : אין קוואַל פון פרייד לעבן זיי אויף.

ח. אין דער נעסט פון שמייכל וואַקסט די פּערל. אָבער דאָס אויג פון צער מפיל'ט מיט בריליאַנטן.

ט. פון געלעכטער איז דער גלאַנץ פון גאָלד באַשאַפן, און פון זיפצן — די גראָיקייט פון בליי.

י. וואָלקנס ווערן צושמעטערט פון דונער־קראַך, אָבער די זון, זי בלייבט תמיד אויף דער וואַך.

ל. מילער (ניו־יאָרק)

# סאַן פראַנציסקאָ

1

## די ריזן-קינד פון ים און באַרג

סאַן פראַנציסקאָ !
דו טראָגסט דעם נאָמען דיינעם,
דעם נאָמען פון אַ הייליקן,
ווי עס טראָגט דאָס היטל אויף אַ זייט,
פאַרשייט און חנ'עוודיק
אַ יונגלינג, אַ מאַטראָס.
די גאַסן דיינע קלעטערן
כסדר באַרג ארויף
און דיינע בריקן פלאַטערן,
ווי אויסגעשפרייטע פליגל
פון אַן אלבאַטראָס.

דו ריזן־קינד פון ים און באַרג,
פון זון און ווינט ;
דו שטייגסט אַלץ העכער און דו גייסט
מיט דיינע צווילינג־בערג
אין אַ פאַרמעסט.
דיר פאַסט דיין אַרבעט־קלייד,
און טויזנט ח'נען גיט דיר צו
דאָס גאָלד און גרין פון „גאָלדן־געיט",
און זעסט כסדר אויס, ווי וואָלסט געוואַרט
אויף אָנגעלעגטע געסט.

דו שטייסט אויף וואך ביים ברעג פון לאַנד,
די ביקס אין האַנט
און היטסט דעם שונא'ס טריט.
ווי אַ הונט געטריי — דער ים
ביי דיינע פיס.
פאַרחידושט קוקן דיינע בערג
אויף דיין שטראַלנדיק געזיכט,
אויף דיין זיכערקייט אין זיך
און זיי בויגן מיט באַוואונדערונג די קעפּ
פאַר זייער האַר, דעם ריז.



סאַן פראַנציסקאָ !
דיינע האַרעפּאַשנע קינדער
זינגען דאָס געזאַנג פון לאַדנדיקע שיפן.
שיף־סירענען ברומען אויס דאָס ליד פון נאַכטיקע טומאַנען, —
אָנגעלאָדענע מיט שפּייז און וואָפן
פאַר לענדער נויטבאַדערפטיקע, ווייט פון דאַנען, —
שיקן זיי אַ זיי־געזונט צו דיר,
ביים פאַרלאָזן דיינע האַפנס.

סאַן פראַנציסקאָ !
שטאָט פון פריינטשאַפט, פרייד און פרילינג
שטאָט פון רחבותדיקע סקווערן.
דיינע הייזער, אויסגעפוצטע,
שפּאַנען שטיפעריש אַרויף, אַרויף די בערג.
מען קומט צו דיר פון ווייטע שטעט, פון פרעמדן לאַנד,
באַוואונדערן און ערן דאָס שותפות־ווערק
פון גאָטס און מענטשנס שעפערישער האַנט.

2

## מיין שטאָט מיין היים

עס האָבן קינסטלער־הענט פון ריזן מעכטיקע
ניי און אַנדערשדיק
די גאַסן דיינע אויסגעבויגן —
אַרויף, אַראָפּ ; אַ באַרג, אַ טאָל, —
אַז וואו איך ווענד די אויגן מיינע
און וואו איך שטעל מיין טראָט,
זע איך דיך, מיר דאַכט, צום ערשטן מאָל —
מיין שטאָט, מיין היים, —
פון אַלע שטעט, דו שענסטע שטאָט.

עס איז מיר ליב אין דיינע גאַסן
אויף־און־אָפּ צו שפּאַנען
און באַגריסן יעדן,
ווי מען גריסט זיך צו גאַר אַלטע, גוטע שכנים.
פון דערווייטנס, זעען דיינע הייזער אויס,
ווי מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען, ווייסע שוואַנען —
דאַכט־זיך,
אַז אין איינע פון די ווייטע היימען
איז אַמאָל מיין קינדער־וויג געשטאַנען.

3

## דאס ליד פון דיין אמאל

עס קומען טרערן אין מיינע אויגן, ווען איך הער —
און איך וואָלט ניט ווערן מיד צו הערן,
ווי די ווינטן שפּילן אוים אויף דיינע וואַרפן־בריקן
דאָס ליד פון דיין אַ מאָל,
דאָס ליד פון אַנגסט און פּיין און ראַנגלעניש פון ווערן.

יערנא ביונא איז אַמאָל געווען דיין נאָמען,
איידער ביזט געוואָרן וועלטס באַרימטע, שיינע שטאָט.
אויף אַ באָדן זאַמד־און־דאָרן
האָט אַמאָל אַ בליאַסק־געטאָן די שלאַנג פון גאָלד ;
האָט זיך צעברענט די תאוה אין דיינע אויגן
און זיך קיינמאָל ניט געשטילט.
אַזוי ביסטו געוואַקסן,
ווי דער דאָרן, שנעל און ווילד.
די ערד האָסטו פאַרשעמט,
און נישט קיין ברויט האָסטו פון איר גענומען,
נאָר גאָלד —
האָט זי געגעבן דיר, וואָס האָסט גענומען און האָסט געוואָלט....
האָט שטענדיק פאַר די אויגן דיר דאָס גאָלד געבלענדט,
דאָס לעבן דיר פאַרצערט
און דיינע טעג און נעכט פאַרברענט.

„פּריסקאַ“ האָט מען דיך מיט שפּאָט גערופן,
האָסטו שטאָלצירט און זיך וואַויל־יונגעריש געפילט —
דו ביזט געווען די הפקר־שטאָט
פון ביקסן־שאָס און שלייף פון שטריק ;
די שטאָט פון שיכרות און פון זינד —
אויפן קאָרטן־טיש אין שענק ביי דיר
האָט יעדערער זיין גליק געוואונען און פאַרשפּילט.

אַזוי האָסטו געהוליעט בלינד און ווילד.
ביז פול געוואָרן איז די מאָס פון דיינע זינד — —
האָט מאַמע־ערד, מיט צאָרן און פאַרדראָס
דיך געטאָן אַ הויב און אַ שליידער —
און אַ שאַר־אַראָפּ געטאָן אין תהום
דאָס גאַנצע רויב און דרויב, וואָס האָסט פאַרמאָגט,
און האָט פאַרמעקט, פאַרווישט דיין פאַלשן גלאַנץ



און צונישט־געמאַכט דיינע פאַלשע גליקן —
אַזוי דערציילן אונז די ווינטן אין דעם ליד
אויף די סטרונעס פון די האַרפן־בריקן....

אין זיבן פייערן האָסטו זיך געלייטערט.
אין פּיין און אַנגסט, אין ראַנגלעניש מיט זיך אַליין
האָסטו פון שטויב זיך אויפגעהויבן,
זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם פאַלשן רום
און זיך פון שלעכטס דערווייטערט.
דו האָסט אָנגעהויבן פון דאָס־ניי,
מיט קראַפט פון פרישן, יונגן גלויבן ;
דו האָסט פאַרפלאַנצט דעם שלאַנקן,
שנעל־וואַקסנדיקן אויקאַליפּטוס־בוים
און איבערן ים אין רוים
האָסטו אַ וואָרף־געטאָן אַ האַרפן־בריק, אַהער,
אַ האַרפן־בריק, אַהין,
און צוגעדעקט האָסטו דעם דאָרן און דאָס זאַמד
מיט גראָזן סאַמעט־ווייך און גרין — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עפּעס האָט זיך מיר אַמאָל געחלומט
בעסעראַביער סטעפּעס — —
און אַ שטעטל אין וואָלין — —
עס איז געווים געווען אַ חלום
פון אַ קינד אַ טרוימער....
ווייל דו ביזט שטענדיק דאָך געווען מיין היים —
און אפשר האָסטו נאָר מיך דאָ פאַרפלאַנצט
מיט דיינע אויקאַליפּטוס־ביימער....

3/6 „אין זכות פון די טעג“
5/- „אין חדר אריין“
פון
**משה עובד**
צו באקומען ביים מחבר :
MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1
עפּענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

## קיטי בראון

# דער באנטשע וואס שווייגט ניט

מיין שוסטער, וועלכער הייסט „באנטשע“, איז א ייד אין די מיטעלע יארן, אבער זיינע צרות, האבן אויף אים אזוי שטארק געווירקט, אז ער זעט שוין אויס כמעט ווי א זקן. א טיפ איז דער שוסטער מיינער, פונקט ווי דער אמתער וועלט־בארימטער „באנטשע“ פרץ'ס, דער חלוק איז נאר, וואס יענער האט געשוויגן, און מיינער רעדט.... דאס הייסט אז ניט ער, נאר זיינע צרות רעדן, פארזיכערט ער אייך....

קומט אריין א „קאסטאמער“ אין זיין שטיבל, וואס דינט פאר אן עס־צימער, קיך, שלאפצימער, און „ווארקשאפ“, און ברענגט א פאר שיך צו פאר־ריכטן, בעט אים באנטשע גלייך זיצן, אין דעם ספעציעלן שטול, וואס שטייט שוין צוגעגרייט פאר דעם נעקסטן קונה, איר זעצט זיך אוועק. און ער נעמט זיך צו אייערע פאדעשוועס, קלאפט אריין גאנץ געמיטלעך, א טשוועקל נאך א טשוועקל, וועלכע ער שלעפט קינסטלעך ארויס פון זיין מויל, און ביני לביני דערציילט ער אייך זיין לעבנס געשיכטע. און אויב איר הערט אים אויס מיט געדולד, און שלאגט אים ניט איבער מאכט ער פאר אייך א גאנץ פיינעם דזשאב.

קודם כל, לאזט אייך באנטשע דער שוסטער וויסן, אז ער איז ברוגז אויף דער גארער וועלט. אויף דעם „גאווערמענט“ מיט זיינע פירער, וועלכע מאכן שווער דאס לעבן, אויף די „פאליטישענס“, אויף די קאמיטעטן, מיט די קאנפערענצן, וועלכע לאזן זיך תמיד אויס מיט גארנישט.... און ווי אזוי מען באהאנדלט דאס ביסל יידן, וועלכע זענען נאך פארבליבן צושפרייט אויף דער וועלט.

איך וויים ניט ווי אנדערע, נאר מיר קומט זער אפט אויס, צו הערן זיין ביאגראפיע ווייל מיינע שיך האלטן זיך אין איין רייסן. צו קויפן נייע זענען ניט פאראן גענוג קופאנען, לייג איך א לאטע אויף א לאטע, און הער ווידער אמאל דיזעלבע געשיכטע, וועלכע ער דערציילט יעדעס מאל מיט אזוי פיל פרישע באגייסטערונג, פונקט ווי ער וואלט דאס דערציילט צום ערשטן מאל.

— זייט איך בין צו מיין שכל געקומען, דערציילט ער — האב איך נאך ניט באגעגנט קיין איין ערלעכן מענטשן, אויף דער וועלט. אלץ איז פיל מיט שווינדל, באטרוג גניבה און גזלה רחמנא לצלן.

— ווען איך בין נאך א קינד געווען, זאגט באנטשע, איז מיר מיין מאמע, א ליכטיקן גן עדן זאל זי האבן, אפגעשטארבן, מיין טאטע האט לאנג ניט געווארט, און באלד חתונה געהאט מיט א יידענע א מרשעת, וועלכע האט גלייך געזוכט פון מיר פטור צו ווערן, און אז מען זוכט געפינט מען.

— מיט א וואך שפעטער האט מיך מיין טאטע אוועקגעגעבן צו א שוסטער לערנען דאס פאך, האט אבער די מייסטראווע אויך געוואלט האבן



א נוצן פון מיר, ווייל זי איז נעבעך געווען א גרויסע קבצנ'טע מיט אכט קליינע ווערים....האט זי מיר גלייך געגעבן צו פארשטיין, אז איך מוז טון אלץ, וואס זי וועט מיר הייסן, און זי האט געהייסן....יערן פרימארגן ארויסגיסן די פאמוניצע, פארוויגן דאס קליינע קינד, וועלכעס האט פון הונ־גער קיינמאל ניט געקענט איינשלאפן, און געהאלטן אין איין וויינען. איך האב אויך געמוזט ארויף טראגן האלץ פון קעלער, האדעווען צוויי קליינע דארע הינדעלעך, וועלכע האבן זיך דעם גאנצן טאג ארומגעדרייט אין שטיבל און געקוואקעט, און קיינמאל נישט געלייגט קיין איי און די בעל הביתטע האט זיי געשאלטן מיט טויטע קללות... דערפאר האב איך צו מיטאג באקומען א שטיקל שווארצע ברויט, מיט עטלעכע קאלטע קארטאפל וועלכע זענען פארבליבן פון נעכטן, און א היבשן טרונק וואסער.. שוין רעכט פארנאכט ווען איך בין פארטיק געווארן מיט דער בעל הביתטע האט מיך דער מייסטער צוגערופן, און מיר פארזיכערט, אז איך וועל אמאל זיין א גוטער בעל מלאכה.. אט אזוי האב איך אפגעפינסטערט זיבן לאנגע יאר, און ווען איך בין פון דארט אוועק, האב איך זער גוט געקענט אלע הויז ארבעט, נאר ניט די שוסטעריי.

— מיין טאטע האט מורא באקומען, איך זאל אים ניט פאלן צו לאסט, האט ער מיט דער הילף פון מיין שטיף־מאמע פאר מיר אויסגעזוכט א כלה א קיילעכדיקע יתומה, און צו אכצן יאר מיך חתונה געמאכט. פארזארגט האט ער מיך מיט מיין ווייב, מיט קעסט אין די הייזער, און א דירה אין הקדש. אט אזוי האבן מיר זיך אפגעמוטשעט עטלעכע יאר, ביז מיין ווייבס א פעטער, וועלכער האט זיך צו יענער צייט געפונען דא אין לאנדאן, האט אויף אונז רחמנות באקומען, און אונז אראבגענומען אהער, און ערשט דא האט זיך פאר מיר אנגעהויבן א ניי פעקל מיט צרות. באלד צו מארגנס נאך אונזער קומען, האט מיך דער פעטער גענומען אויפן פארהער.

— ער, א ברייט בייכיקער געזונטער יידל, מיט א געלער בארד, איך א קליין יונג אויסגעמוטשעט יינגל, בין געשטאנען פאר אים מיט מורא און דרך ארץ.

— „וואס קענסטו“ ? איז געווען זיין ערשטע פראגע.

איך האב זיך דערשראקן פאר זיין שטרענגן בליק, און טאן, בין געבליבן שטיין ווי צעמישט, און אליין ניט וויסנדיק וואס איך זאג, האב געענטפערט : „קינדער פארוויגן, פאמוניצעס ארויסטראגן, הינער האדעווען“.

— ער האט מיך באטראכט מיט צוויי נארישע קעלבערנע אויגן, און געלאכט אין דער געלער בארד אריין.

— „איך מיין, וואס פאר א בעל מלאכה ביזטו ?“

— אה ! דאס מיינט איר ? האב איך זיך ערשט געכאפט, און אנגע־הויבן פארשטיין. איך בין א שטיקל שוסטער, אין דער היים האב איך גע־לערנט דאס פאך, אבער דא בין איך אזוי גוט ווי גארנישט... איר פארשטייט? האב איך געפרעגט אין פארלעגנהייט, מיט א קורצער צייט שפעטער, בין

איך געזעסן ביי אונזערן אַ לאַנדסמאַן, טאַקע אַן אמתן שוסטער און געלערנט דאָס פאַך, מיין ווייבל וועלכע האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, פון שוואַכקייט, איז געוואָרן אַ דינסט ביי איר פעטער אין הויז, און דערפאַר האָט ער אונז געגעבן עסן, און אַ צימער צום שלאָפן.

אָבער באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן פרישע צרות פאַר אונז. אַ יאָר נאָך אונזער קומען אַהער, האָט מיך גאָט באַגליקט, און מיין ווייב האָט מיר געבוירן אַ צווילינג, אַ ייִנגל מיט אַ מיידל.

דער פעטער מיט דער מומע זענען געוואָרן מלא רציחה אויף אונז, ערשטנס מן הסתם צוליב דעם ווייל זיי אַליין האָבן קיין קינדער ניט געהאַט, צווייטנס האָבן זיי געהאַט אַ טענה, סטייטש ווי קומט עס, אַז אַזעלכע קבצנים ווי מיר האָבן זיך דערלויבט צו האָבן קינדער. הערנדיק די פּרעטענזיעס האָבן מיר ביידע זיך געפילט ווי פאַרברעכער, כאָטש איך האָב ניט געגנוי פאַר־שטאַנען וואָס זיי האָבן געמיינט מיט דעם....

— נאָך דער קימפּעט, פאַרשטייט זיך אַז מיין ווייבל האָט מער ניט געקענט באַדינען דעם פעטער מיט דער מומע, האָט מען אונז געהייסן גיין פון דאָרט. דער פעטער האָט געטענה'ט, אַז ער קען ניט אויסהאַלטן קיין פיר דאַרמאַיעדניקעס, און עס איז ענג אין דער דירה....

— מיר האָבן געפונען אַ קליין שטיבל, און זיך אַהין אַריינגעצויגן, אָבער מיט ליידיקע ווענט, נאָר אַזוי ווי ייִדן זענען דאָך בני רחמנים, האָבן זיך די שכנים צעזאַמענגעלייגט, און מען האָט אונז אַריינגעטראָגן עטלעכע נוטיקע זאַכן, און אויך אַוועגעלעגט פאַר די קינדער, דאָס איז געווען אונזער גאַנץ פאַרמעגן.

— דער לאַנדסמאַן ביי וועמען איך האָב געאַרבעט, האָט מיר דערמאָלט מיינע „ווײַדזשעס" געהעכערט און איך האָב שוין פאַרדינט אויף אַ שטיקל ברויט, און אויף דירה־געלט.

— ווען איך האָב שוין בעסער געקענט דאָס פאַך, האָב איך זיך אויס־געזוכט אַ בעסערן פּלאַץ, און אָנגעהויבן פאַרדינען ניט שלעכט, און זיך גלייך אַריינגעצויגן אין צוויי שטיבלעך.

— די קינדער זענען דערמאָלט אונטערגעוואָקסן, די אויסגאַבן זענען גע־וואָרן גרעסער, האָב איך געאַרבעט, שווער און ביטער, געמאַכט „אָווערטיים", און מיין ווייב האָט געוואַשן פרעמדע וועש, כדי עס זאָל זיי ניט פעלן קיין זאַך, די קינדער זענען געוואָרן גרעסער, און אָט האָבן מיר געהאָפט צו האָבן אַ שטיקל נחת פאַר אַלע צרות. האָט אָבער אפנים גאָט נישט געוואָלט, און אונז געשטראָפט מיט פרעה'ס מכות....

ווען די קינדער זענען אַלט געוואָרן צו אַכצן יאָר, האָט אונזער טעכטערל, וועלכע איז אויסגעוואַקסן ווי אַ שיינע בלום, זיך באַקענט מיט אַ קריסט. זי האָט זיך נישט געהיטן, און פאַר אונז דערציילט דעם אמת, מיר האָבן זיך ביי איר גענומען בעטן, זי זאָל אונז ניט פאַרשוואַרצן דאָס פּנים, נאָר זיך בעסער אויסזוכן אַ ייִדישן אַנשטענדיקן בוי, פון וועלכע עס איז פאַראַן



אַ היבשע צאָל, און מיט אים התונה האָבן ווי עס פּירט זיך ביי ייִדן, אָבער זי האָט דערפון ניט געוואָלט הערן. און ווען די מאַמע האָט איר געסטראַשעט אַז זי וועט זיך דאָס לעבן נעמען, אויב זי וועט דעם קריסט ניט אויפגעבן, איז זי אַוועק פון דער היים, און מיר האָבן מער פון איר ניט געהערט. מיין ווייב איז זער קראַנק געוואָרן, און זיך ניט געקענט באַדינען, אַליין, האָב איך זי געמוזט אַריינגעבן אין אַ אונהיילבאַרער היים. מיין זון האָט זיך דאָס לעבן דערעסן, איז ער אַוועק נאָך אַמעריקע. די ערשטע צייטן פלעגט ער נאָך שרייבן און אַמאָל שיקן אַ פּעקל שפּייז, אַמאָל עטלעכע דאָלאַר, אָבער זייט די לעצטע צוויי יאָר איז ער ווי אין וואַסער אַריין.

איך האָב געמוזט אויפגעבן יענע וואוינונג, און זיך אַהער אַריינגעצויגן. וואָלט איך שוין דאָס אויך פאַרליב גענומען, איז אָבער צוליב דער ענגשאַפט און פייכטקייט דאָ, האָב איך באַקומען רומאַטיזם, וועלכע מוטשעט מיך אויס און איך קען גאַנצע נעכט קיין אויג נישט פאַרמאַכן.

יעדע נאַכט ווען איך גיי שלאָפן, בעט איך זיך ביי גאָט, ער זאָל צונעמען מיין נשמה, וואָרים צוליב וואָס דאַרף איך לעבן, און זיך מוטשן, קען דען די וועלט ניט עקזיסטירן אָן מיר?

אָבער אפילו, ער אויך אין הימל איז אויך נישט דערזעלבער ווי געווען ער האָט אויך אויפגעהערט רחמנות צו האָבן אויף עלענדע און קראַנקע מענטשן, לאָזט זיי דווקא לעבן, און ווער ווייסט ווי לאַנג ער וועט מיך נאָך דאָ האַלטן אויף צו להכעיס....

אָט אַזוי ענדיקט באַנטשע זיין ביאָגראַפיע צוזאַמען מיט מיינע שיך. צום סוף טוט ער אַ שווערן זיפץ, אַ שפּיי אויף איין שוך, און אויפן צווייטן, נעמט אַ באַרשט מעשה עקספּערט, פּוצט זיי אויס, און דערלאַנגט מיר די שיך. איך באַצאָל אים מיט דאַנק, ווינטש אים צו אַ גוטן טאָג, און באַפריי דאָס בענקל פאַר אַ צווייטן „קאַסטאָמער", וועלכער וועט אודאי באַלד קומען און אויסהערן באַנטשן וואָס שווייגט נישט....

## ס. פאַלמע

## ס'שווימט אַ שיף

אַ שיף אויפן ים מיט מאַסט־בוים און רודער,
דער שיפס־קאַפּיטאַן אַן אייגענער ברודער,
מאַטראָזן, פּאַסעזשירן, — צוזאַמען אַ קייט:
זיי ציט צו אַ האַפן מיט ברכה באַגלייט,
איינמאָנען ירושות פון אור־אַלטע צייטן,
זיי זיינען עס תופס, זיי ווייסן באַצייטן:
זיי זיינען געריפּטע, דורך פייער גערייניקט,
עס האָט זיי דער גלויבן אין מאָרגן, געאייניקט, —

געמיינזאמער גלות, דער אייגענער פייער,
האט טיף אין די הערצער אויסגעקריצט — פרייער, —
פרייער צו לעבן און ליבן געזאנגען
פון פרייהייט, און גלויבן אין הארצנס־פארלאנגען!
פרייהייט צו בויען און זייען און פלאנצן!
פרייהייט פאר קינדער, צו לעבן און טאנצן!

א שיף אויפן ים וואס פירט צו א האפן:
געבראנדיקטע ברידער געסטעמפלט ווי שקלאפן,
מיט הערצער ווי בעכער, מיט טרערן פארפילטע,
מיט רוחות און שדים, מיט אלע געשפילטע,
מיט יעדן געטרונקען פון בעכער די טרערן,
מיט יעדן געזונגען ס'געזאנג פון ניט־ווערן,
פון מתים די בערגער אן קבר, אן ארון,
פון גסיסה דער כארכלען נאך ליגט אין זכרון, —
דאס אלץ איז פארשאלטן, ס'א וויסטע בהלה!
דאס אלץ האט געאייביקט דעם גלויבן אין גאולה!
דעם גלויבן אין מארגן אין הארץ איינגעקריצטער!
דאס רייסט זיך פון הערצער, אט איצטער! אט איצטער!
ווען שיף אויפן ים וואס הויבט זיך און וואַרפט זיך,
ווען שטורעם רייסט זינען וואס לייטערט און שארפט זיך
און אלץ איז געהויבן און אלץ איז געזעליגט....
ס'איז יעדער געדעכעניש איצטער געהייליקט!

און ס'אקערט די שיף איצט די כוואליעס ווי גרידעס.
אויך מייוועס אומפליען און מאכן מרידות:
זיי האבן פון ווייטנס האריזאנטן דערזען;
עס האט זיי די גאולה מקדש געווען,
מיט גינגאלד באלויכטן און קדושה־געזאנגען,
סימפאנישע טענער פון סערפן און שטאנגען:
דאס איז עס דער אנזאג פון מייוועס און שטורעם,
דאס איז עס דער אנהויב, אט וואקסט ער, דער טורעם!
אן איינענער מעקא, אן אייגענער גליק!
פארברענט זיינען בריקן, קיין וועגן אויף צריק!
פארויס מיינע ברידער, — מאטראזן, קאפיטאן —
עס איז נאך א מארגן פאר וואגלער פאראן!



יוסף הלל לעווי

# שמע ישראל

(סוף)

ווען פריץ הינצלע איז פון שול ארויס, האט זיין אלטער כעס מיט דער ניי צוגעקומענער באליידיגונג נאך מער אויפגעביטערט אין אים, זיינע ליפן האבן זיך פארקרומט ווי ער וואלט פון א ניפטיקער שלאנג געביסן געווארן. און אין זיין מח האט גענומען ארומקריכן א געדאנק — ווי א בייזע הונגעריקע ראט: ניין, ניין! ער מוז זי איינגאנצן האבן, זי מוז עס אויך פילן, און פשוט אויסגיין דערפילנדיק....

און זיין פון לאנג דערנידריקטער שטאלץ אויסגעמישט מיט דער ניט דערווידערטער סעקסואליטעט — האבן ווידער אויפגעשטורעמט אין זיין הארץ נאך נקמה... יא, צו נעמען נקמה אן איר פאר אלע צייטן!... און דאס דאזיקע נקמה געפיל האט געזידט, געפלאקערט און געברענט אין אים, — געזוכט זיך אויסצולעשן אין איר יידישן בלוט!...

העלגא, וועלכע איז אין דער סינאגאגע געבליבן האט ניט געגלויבט אין זיינע רייד. זי איז ווידער צום ארון קודש ארויף, ארויסגענומען א ספר און עס אין איר מאנטל איינגעהילט, און דארט אזוי א מאמענט א פארטראכטע געבליבן שטיין אומבאוועגלעך... האפנדיק אז דערמיט וואס ער האט זי יעצט אזוי שטארק געקושט און זי האט אים גערופן ליבער הער גאוליטער און גנאדע ביי אים געבעטן, וועט ער איר שוין זיכער מער קיין שלעכטס טאן, נאר גלויבן אז זי וועט שפעטער זיין בקשה ממילא אויספירן. ער וועט אוודאי הייסן די פינסטערע קליקע פון דער סינאגאג זיך אפציען כדי ס'זאל קיינער זיך פון גארניט דערוויסן...

איר נאאיוו־קינדישער גלויבן האט פשוט ניט געאנט צו וואס עס איז נאך אלץ פעאיק אזא ברוטאלער מענטש. וואס האט שוין נעהאט איר פאטער פארשלעפט, א דאנק זיין אלטער ניט דערפילטער תאווה צו איר. וואס איז נאך מער צורייצט געווארן דורך איר פרישער און טיפערער דערנידריקונג לגבי אים... איר יונג און בליענדיק לעבן האט זיכער אין ברען פון התחייבות, וואס די טראגישע סיטואציע האט אויף איר ארויפגעלייגט, אין גאנצן פארגעסן אן איר עקזיסטענץ... די געוואלטיקע פאראנטווארטלעכקייט פון איר נשמה האט זיך עפעס אין אזא מין אויסטערלישן גלויבן איינגעהילט — וועלכער איז געווארן לייכטזיניק צו איר לעבן... און דערפאר האט זי עס אפשר נאר פאר א ווייטערדיקע דראאונג אנגענומען, ווען זי האט נאכאמאל פון דרויסן פריץ הנצלעס ווארנענדיקן רוף דערהערט: ווען זי וועט ניט תיכף פון דער שול ארויס, ווען ער וועט האבן דריי געציילט, וועט ער די שול מיט איר אין איינעם פארברענען... אדער זאל דער דאזיקער רוף, זי נאך מער אנגעאייפערט האבן פארעקשנט צו בלייבן אין שול אזוי לאנג ביז ער וועט פון דער שול ניט אפטרעטן? מחמת דער פשוטער ווירקלעכקייטס זין איז פון איר אנטרונען און זיין ארט האט פארנומען דער פארפירערישער אבערגלויבן,

וואָס גרעניצט אָפּט נאָר מיט אַ פאַנטאַסטישער אומנאָרמאַליטעט. זי איז ניט
בכח געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז איין מענטש וועט קענען נעמען אַ צווייטן
לעבעדיקן מענטש און אים לאָזן קאַלטבלוטיק פאַרברענען אינאיינעם מיט אַ
שול... פאַר העלגאַס אויגן איז נאָר געשטאַנען איר אַלטע מוטער, מט די אויס־
געשטרעקטע הענט וואַרטנדיק אויף איר, און זי האָט געהערט ווי איר טרויע־
ריק קול ציטערט: העלגאַ, העלגאַלע, מיין איינציק קינד! פאַרגעס ניט אַז
דו האָסט דיין מאַמען צוגעזאָגט גלייך צוריקצוקומען צו איר...

יאָ, אומקערן קאָן זי זיך דערווייל נאָך ניט, ביז זי וועט ניט האָבן צו
ערשט דערפילט איר הייליקן חוב...

פלוצים האָט זי ווידער דערהערט פריץ הינצלעס שוידערדיקן קול: —
„יידין — איינס...“ און העלגאַ איז אַדורכגענומען געוואָרן פון די פאַרשיי־
דענע געפילן וואָס האָבן דערוואַכט אין איר...

פון איין זייט האָט זי ניט געגלויבט אַז ער וועט זיין ביכולת אַ מענטש
מיט אַ שול צו פאַרברענען; פון דער אַנדערער זייט, איז עפּעס פון די אַלע
געפילן אויסגעוואַקסן אַזאַ מין געפיל — וואָס איז אַזוי ווי אַ פלאַם אַריבער־
געקלעטערט איבער דעם העכסטן טורעם פון איר הילפלאָזיקייט... און זי האָט
זיך נאָר געקלאַמערט אָן איר ניט גלויבן... זי האָט אַליין ניט געוואוסט וועל־
כעם געפיל עס איז שטאַרקער געוואָרן פון די געפילן וואָס האָבן געקעמפט
אין איר: צי דאָס געפיל פון רחמנות און צער צו איר טייערע מוטער; צי
דאָס הייליק גרויסע געפיל די תורה צו באַשיצן — וועלכע איר פאָטער האָט
אַזוי געליבט און געאַכט...

העלגאַ האָט נאָר געוואוסט אַז אַלע געפילן האָבן זיך אין איר פאַראיי־
ניקט און זי געצוואונגען, זיך ניט אונטערצוגעבן, נאָר שטאָלץ און ערלעך צו
פאַרבלייבן אַזוי ווי איר פאָטער און אַלע אבות, וואָס זייער הייליק געבליט
פליסט אין איר, און וואָס זייער באַפעל, די תורה מיט דער סינאַגאָג צו באַ־
שיצן, איז גרעסער און שטאַרקער פון אַלע באַפעלן אין דער וועלט!...

און ווידער האָט פריץ הינצלעס קול שוידערדיק פון דרויסן אַריינגע־
דרונגען, אין דער הייליקער שטילקייט פון דער סינאַגאָג, אָבער דאָס מאָל נאָך
קאַלטבלוטיקער ווי פריער — „יידין — — צוויי!“...

און זי האָט דערשפּירט אַז עס איז אין איר געבוירן געוואָרן אַן איבער־
מענטשלעכער כח, זיך צו ווערן פאַר אַלע דורות, און ניט אויסצופירן זיין
פינסטערן באַפעל, זאָל עס אַפילו איר לעבן קאָסטן!

זי איז אויך איבערצייגט געווען אַז דאָס וועט ער פאָרט ניט קאָנען טון,
שוין אַ דאַנק זיין ליבע צו איר, דערפאַר האָט זי עס בשום אופן ניט געוואָלט
גלויבן...

אָבער פריץ הינצלע האָט יאָ אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז מיט דער העלגאַ
איז עפּעס „דער טויפל לאָס“... און דערפאַר איידער ער האָט געוואָלט „דריי“
אויסרופן, איז אים אין זיין קאָפּ אויפסניי טונקל געוואָרן, און אין זיין האַרצן
האָט עס אים אָנגעהויבן צו נאָגן — אַ שאָד, וואַרהאַפטיק אַ שאָד, אַזאַ שיינ־



קייט... אַזאַ ווייכער, עלאַסטישער און דופטנדיק רייציקער גוף...

אָבער טפוי! זי איז דאָך ניט מער ווי אַ הור, — האָט ער געטראַכט —
כאַ, כאַ כאַ! ער האָט זי דאָך שוין געהאַט... וואָס, אפשר ניט?! עס קאָן
זי דאָך אויך שוין יעדער האָבן... יאָ, יעדער, יעדער, יעדער! — האָט ער גע־
זוכט צו פאַרשרייען זיין פאַרנעפּלטן געוויסן וואָס האָט אָן זיינע רייד ניט
געוואָלט גלויבן... און אַלס אַ נקמה אָן זיין שוואַכקייט וואָס האָט אים ביז
איצט געשטערט זי צו באַזיצן אויף אָן אמת... האָט ער ווי משוגע אויסגע־
רופן: „דריי!“

אָבער העלגאַ האָט עס נאָך אַלץ ניט געגלויבט.... ניט זי האָט זיך דער־
פילט הילפלאָז, און ניט זי האָט געהאַט מורא פאַר אים, מחמת זי האָט נאָך
פאַרמאָגט איר לעבן, אויף צו קאָנען זיך ווערן אַנטקעגן אים און ניט צו מוזן
אויספירן זיין באַפעל...

„קאַמעראַדן, לאָזט די פלאַמען פלאַקערן!“ — האָט הינצלע אויסגע־
שריען.

באַלד דערנאָך איז אַ געוואַלטיקער פלאַם צום הימל אַרויפגעשאָסן, און
נאָך אים זענען ברענענדיקע זיילן נאָכגעשפרונגען, זיך אויפגעשטעלט טורעמ־
דיק הויך, און אומגעפאַלן, ביז זיי זענען צוברעקלט געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך.

העלגאַן האָט זיך אויסגעדאַכט ווי זי וואָלט דערהערט אַ האַרצרייסנדיקן
יאָמער, אויסגעמישט מיט אַ וואָרנענדיקן צאָרן... און באַלד ווידער אַ שטומען
געפליסטער: ווי די נשמות פון אַלע סינאַגאָגן און תורות, וואָלטן אויף איינ־
מאָל אויפגעציטערט און אָנגעהויבן מיט שרעק וידוי צו זאָגן פאַר איר, אויס־
שטרעקנדיק זייערע שוואַכע הענט, ווי הילפלאָזע קינדער און גערופן, געבעטן,
געוויינט: באַהיט און באַשיץ אונז, ש־מ־ע ישראל, ש־מ־ע י־ש־ר־א־ל!...

און פון די זיך שלענגלענדיקע פלאַמען, זענען פאַר איר אויך אויפגע־
שטאַנען דורות מיט יידן, אין זילבערווייסע קיטלען, מיט טליתים פאַרהילט.
און וויינענדיקע פרויען נאָך פאַרטיפט אין זייערע תפילות... יאָ, גאַנצע דורות
— מיט זייערע סעודות, חתונות, לויות און הזכרות נשמות... אַלע זייערע
הייליקע פאַרשטומטע תפילות האָבן ווידער אויפגעקלונגן אין אירע אויערן,
און זי האָט זיי אַרומגענומען און צוגעדריקט ווי אַ קינד צו איר האַרצן... און
זי האָט זיי געשוואוירן, ניט צו לאָזן אונטערגיין און אויסגעמעקט ווערן פון
דער אייביקייט... נאָר זיי צו הייליקן, באַשיצן און אויפצוהאַלטן מיט איר
אייגענעם לעבן...

אַזוי איז העלגאַ געשטאַנען ביים ארון קודש מיט דער פאַרהילטער תורה
אין דער האַנט און געזען, ווי אין חלום די פלאַמען זיך שלענגלען, קריכן וואָס
אַמאָל נענטער צו איר, און אָנגעפאַנגען צו קושן און באַלעקן די זוימען פון איר
קלייד, און די זיידענע הויט פון איר צאַרט מיידלשן גוף...

ביז איר לייב האָט אויף איינמאָל דערשפּירט דעם ביטערן ניכטערן ווייי
פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט... אָן וועלכער איר נשמה האָט די גאַנצע
צייט ניט געוואָלט גלויבן...

זי האָט אויפגעעפנט פון חלום אירע גרויסע שוואַרצע אויגן און אויסגערופן: „אַלמעכטיקער גאָט אין הימל, דערבאַרם זיך!“ אָבער די תורה האָט זי פון אירע הענט ניט אַרויסגעלאָזן, נאָר זי פעסטער צו איר האַרצן צוגעדריקט. און עס איז איר געקומען אויפן זינען איר פאָטערס הייליקע געבעט — וואָס ער האָט תמיד געזאָגט ווען ער האָט זיך געפונען אין דער גרעסטער געפאַר...

דערווייל האָט דער רויך מיט די פלאַמען אַלץ שטאַרקער און הייסער אומאַרעמט, צעקעמט מיט אַ פורפורנעם קאַם איר סאַמעט שוואַרצע האָר און דער ווייטיק איז לאַנגזאַם, אַזוי ווי אַ גליטשיקע שלאַנג, צו די עדערלעך פון איר באַוואוסטזיין צוגעקראָכן, און זיי אָנגעהויבן שטום און טיף צו בייסן און איינציקווייז, איינציקווייז, פונאַנדערצורייסן... זי האָט צוזאַמענגענומען אירע לעצטע כחות, — פעסטער, שטאַרקער, די „טאָרא“ צו איר האַרצן צוגעפרעסט און געטאָן אַ לעצטן פאַרצווייפלטן אויסגעשריי: ש־מ־ע י־ש־ר־א־ל!

אין דעם זעלביקן מאָמענט, האָט זיך דערהערט אַ געוואַלטיקער אויפרייס, מיט אַ מוראדיקן קראַך...

דאָס אָרימע יידישע מיידל מיט דער ספר תורה אין דער האַנט איז באַדעקט געוואָרן מיט צישנדיקע פלאַמען, און צעגליטע שטיינער פון דער צושטערטער שול. נאָר אינעם פייערדיקן אויר, האָט נאָך אַלץ געציטערט און געריסן זיך דורך די וואָלקנס טיף אין הימל אַריין איר לעצטער אויסגעשריי: ש־מ־ע י־ש־ר־א־ל!...


„די צייט“

געגרינדעט אין 1913 פון

מאַריס מייער

די איינציקע יידישע צייטונג

אין ענגלאַנד.

(בשעת דער מלחמה —

די איינציקע אין אייראָפּע.)

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.




## עזרא סאַסנאָוויטש

# ענגלישע יידן אין עקאָנאָמישן קריזיס

די סיבות פון שווערן עקאָנאָמישן קריזיס אין ענגלאַנד זיינען גוט באַקאַנט; די הויפּט סיבה איז נאָך מלחמה׳דיקע עקאָנאָמישע אויסשעפּונג און אונטערפּראָדוקציע. די צוויי כאַראַקטעריסטישע שטריכן זיינען גלייכצייטיק די הויפּטפּונקטן וועלכע אונטערשיידן די איצטיקע לאַגע פון די פאַריקע ווירטשאַפטלעכע קריזיסן, וועלכע פלעגן זיך רעגולער איבערחזרן אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט פון פאַרשידענע לענדער.

אין דער פאַרגאַנגענהייט פלעגן עקאָנאָמישע קריזיסן ענטשטיין דאַן, ווען, דאָס לאַנד האָט געהאַט אַן איבער־פּראָדוקציע, ווען די פאַבריקן האָבן פּראָדוצירט מער ווי דער קויפסקראַפט פון די קאָנסומענטן, ווען מיליאָנען זיינען געוואָרן אַרבייטלאָז און האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו קויפן די אַלערטיקע פּראָדוצירטע סחורות, און ווען די מאַגאַזינען זיינען געווען איבערפולט מיט סחורות און רוי שטאָפן, פאַר וועלכע עס איז נישט געווען קיין אָפּזאַץ. דער „נאָרמאַלער“ רעזולטאַט פלעגט זיין דאָס פאַרמאַכן פון פאַבריקן, פאַרקלענערונג פון פּראָדוקציע, פאַרגרעסערונג פון אַרבעטסלאָזיקייט, פאַלן פון מקחים פון סחורות א.א.וו.

די לאַגע איז איצט אָבער גאַנץ אַנדערש, מיר לעבן איבער אַ שטאַרקן עקאָנאָמישן קריזיס, טראָץ דעם וואָס מיר פּראָדוצירן אין ענגלאַנד וויפיל עס איז נאָר מעגלעך, אַלע פאַבריקן אַרבעטן אויף אַזוי פיל וויפיל זיי קענען באַקומען די אַרבעטער, און די רוי־שטאָפן, עס איז נישטאָ קיין אַרבעטסלאָזיקייט — קאַפּויר עס איז פאַראַן אַ גרויסער אָנבאָט פאַר מער אַרבעטער, און ענגלאַנד האָט געמוזט אַריינעמען הונדערטער טויזנטער אויסלענדערישע אַרבעטער (פּאָליאַקן, אוקראַינער, ליטווינער און דייטשן). די באַדינגונגען פון אַרבעט, די אַרבעטסלוינען און די אַלגעמיינע באַציאונגען צווישן אַרבעטער און אונטערנעמער האָבן זיך געענדערט לטובת דעם אַרבעטער; און אינדיווידועל פילן זיך סיי די אַרבעטער און סיי די אונטערנעמער בעסער ווי עס איז פריער, ווייל זייער הויפּט עקאָנאָמישער שונא, די מורא פאַר אַרבעטסלאָזיקייט און די מורא פאַר איבערפּראָדוקציע האָבן דערווייל פאַרשוואונדן.

אָט אַזוי זעט אויס די לאַגע אויפן ערשטן אויגנבליק, און עס קען זיך אפשר דאַכטן אַז דער איצטיקער קריזיס איז אפשר עקאָנאָמיש געזונטער סיי פאַר אַרבעטער סיי פאַר אונטערנעמער ווי די אַמאָליקע פּראָספּעריטיס... דאָס איז אָבער נאָר אַ פּאַראַדאָקס, ווייל ענגלאַנד מאַכט דורך נישט נאָר אַ פּעריאָדישן עקאָנאָמישן קריזיס נאָר אויך אַן עקאָנאָמיש סאָציאַלע רעוואָלוציע. עס קומט פאָר אַ גרינדלעכע ענדערונג אין דער אָרגאַניזאַציע, פאַרהעלטעניש און לייטונג פון קאַפּיטאַל פּראָדוקציע און פינאַנסן. די פּאָליטיק פון דער ענגלישער אַרבעטער פּאַרטיי האָט גורם געווען אַ גרינטלעכע איבער-

שיכטונג אין פאַרשידענע צווייגן פון אינדוסטריע, מלאכה, אַרבעט און האַנדל; דער טרייב צו פאַרגרעסערן דעם עקספּאָרט, די טענדענץ צו פאַרקלענערן דעם אימפּאָרט הויפּטזעכלעך פון לענדער וואָס זיינען נישט אין דער שטערלינג בלאָק, די אָנשטרענגונג צו פּראָדוצירן קודם כל דאָס וואָס אויסלאַנד פאַרלאַנגט און נישט וואָס דער ענגלישער קונה האָט אמליבסטן, די קאָנטראָל פון פינאַנץ און די קאָנטראָל פון אַרבעט און אַרבעטער, דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ גאַנצע ריי נייע קאָמפּליצירטע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען.

און ווען מען שטעלט די פראַגע ווי האָט דאָס אַלץ געווירקט אויפן עקאָנאָמישן מצב פון ענגלישן יידנטום? — קען מען ליידער קיין דירעקטן ענטפער נישט געבן, ווייל דער ענטפער דאַרף אַרומנעמען גאָר אַ גרויסן פעלד, ווייל יידן זיינען צעשפּרייט אין אַסך צווייגן פון ענגלישער ווירטשאַפט, און די ענדערונגען זיינען נישט געווען איבעראַל גלייך.

כאַראַקטעריסטיש איז צום ביישפּיל דער פאַקט אַז דער דייטשער און מיטל־אייראָפּעאישער יידישער פּליט, וועלכער איז מיט 10 יאָר צוריק געווען אַ „רעפיודזשי" איז איצט אַ יחסן, ווייל אַ גרויסער טייל פון די פּליטים פאַרשטייען ווי צו אָרגאַניזירן און ווי צו פירן אַן עקספּאָרט געשעפט. און די געוועזענע פּליטים פון דייטשלאַנד און טשעכן און פּוילן פאַרנעמען איצט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער איצטיקער גרויסער עטנוויקלונג פון ענגלישן עקספּאָרט.

עס זיינען אָבער אויך פאַראַן אַסך געביטן פון האַנדל און אינדוסטריע וואו יידן האָבן ספּעציעל געליטן צוליב דעם עקאָנאָמישן קריזיס. עס דאַרף אָבער ווערן שאַרף אונטערגעשטראָכן אַז יידן האָבן געליטן נישט צוליב אַנטיסעמיטישע עקאָנאָמישע דיסקרימינאַציע נאָר צוליב אומאָפּהענגיקע אָבּיעקטיווע עקאָנאָמישע סיבות. און מען קען מיט גרויס צופרידענהייט פעסטשטעלן אַז אין ענגלאַנד זיינען דערווייל נישט פאַראַן קיין שום שפּורן פון עקאָנאָמישע דיסקרימינאַציע קעגן יידן, אַלע געביטן פון עקאָנאָמישער אַקטיוויטעט זיינען פריי און צוטרעטלעך פאַר יידן אויפן זעלבן אופן ווי פאַר אַלע אַנדערע בירגער, טראָץ דעם האָבן אָבער דאָך יידן אין ענגלאַנד געליטן פּראָפּאָרציאָנעל מער פון איצטיקן קריזיס ווי אַלע אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

עס איז נישט פאַראַן קיין גענויע סטאַטיסטיק פון דער פאַרטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ענגלאַנד אין פאַרשידענע צווייגן פון האַנדל אינדוסטריע און מלאכה: מען קען אָבער פעסטשטעלן אין אַלגעמיינע שטריכן אַז די הויפּט־צווייגן וואו יידן זיינען באַשעפטיקט זיינען די קליידונגס אינדוסטריע, וואו יידן זיינען שטאַרק פאַרטראָטן אין אַלע דריי געביטן, דאָס הייסט אַלע אינדוסטריעלער, אַרבעטער און אין דער דיסטריבוציע, מעבל־אינדוסטריע, אין ראַדיאָ און מוזיקאַלישע אינדוסטריעס, לייכטע אינזשינערונג און הויפּטזעכלעך לייכטע עלעקטרישע אַרטיקלען, פּלאַסטיק, צירונג



און שמוק־זאַכן, ראַדיאָ און מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, פאַרווייַלונגס־אינדוסטריע איינשליסלעך פילם טעאַטער און סינעמאַ, און פאַרשטייט זיך אין האַנדל און פאַרטיילונג פון אַלאַרטיקע סחורות.

די איצטיקע אַלגעמיינע ענגלישע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, וועלכע שטרעבט קודם כל צו פּראָדוצירן די אַרטיקלען פון ערשטן געברויך פאַרן לאָקאַלן מאַרקעט, אַלערליי אַרטיקלען פאַר אינוועסטיציעס, וואָס מען דאַרף פאַר דער רעאָרגאַניזירונג פון אינדוסטריע, און די אַלע אַרטיקלען פאַר וועלכע עס איז פאַראַן אַן אָנבאָט פאַר עקספּאָרט, האָט געהאַט אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויף די אַלע צווייגן וואו יידן זיינען באַשעפטיקט.

אפילו די קליידונג אינדוסטרוע וואָס האָט געהאַט אַ פּעריאָדע פון פּראָספּעריטי אין פאַרלויף פון די מלחמה יאָרן מאַכט איצט דורך אַ קריזיס. די סיבה איז וואָס ענגלאַנד שיקט אַרויס וויפיל טעקסטילס עס איז נאָר מעגלעך אויף עקספּאָרט און באַגרעניצט שטאַרק די פּראָדוקציע פאַרן פאַרברויך אין לאַנד. יידישע שניידער וועלכע האָבן שוין כמעט ווי פאַרגעסן וואָס עס הייסט אַרבעטסלאָזיקייט זיינען איצט אָן אַרבעט, אַ גרויסע טייל פאַבריקן האָבן זיך פאַרמאַכט, אַרבעטער לוינען זיינען שטאַרק געפאַלן, און סיי די אַרבעטער סיי די אונטערנעמער געפינען זיך אין אַ שווערער לאַגע.

עלעקטרישע אַרטיקלען און ראַדיאָס זיינען געווען די ערשטע צווייגן וואָס האָבן זיך שטאַרק ענטוויקלט אין די ערשטע צוויי נאָך מלחמה יאָרן. מען האָט באַוואונדערט ווי שנעל די ראַדיאָ פאַבריקן האָבן באַוויזן צו פּראָדוצירן פאַרן „שלום" מאַרק, די רעגירונג האָט אָבער אָפּגעשטעלט די ענטוויקלונג ביי אַרויפלייגן ספּעציעלע פאַרקויפס-שטייערן און ביי אַוועקנעמען פון דער אינדוסטריע די ערלויבענישן פאַר רוי מאַטעריאַלן.

די פּלאַסטיק אינדוסטריע וואו יידן האָבן אינוועסטירט אַסך קאַפּיטאַל סיי אין קלענערע און סיי אין גרעסערע אונטערנעמונגען געפינט זיך איצט אין אַ שווערער לאַגע צוליב די זעלבע סיבות, די פּראָדוקציע פאַרן גוטן לאָקאַלן ענגלישן מאַרק איז אָפּהענגיק פון דעם עקספּאָרט וואָס דער פאַבריקאַנט קען מאַכן, און אַזוי ווי די קאָנקורענץ אויף די אויסלענדישע מערק איז גרויס, ווערט אויך אויטאָמאַטיש די פּראָדוקציע אויפן אינערלעכן מאַרק פאַרקלענערט.

די מעבל אינדוסטריע וואו יידן זיינען, אַזוי ווי אין קליידונג, געווען שטאַרק פאַרטראָטן סיי אַלס אַרבעטער. סיי אַלס אינדוסטריעלער און אין דער פאַרטיילונג מאַכט אויך דורך אַ שווערן קריזיס צוליב די זעלבע סיבות וואָס אַנדערע אינדוסטריעס, עס זיינען נישטאָ קיין רוי־מאַטעריאַלן, די פּראָדוקציע איז באַגרעניצט צו ביליקע אַרטיקלען פון „יוטיליטי", די מאַשין איז גענוג גוט כדי צו פּראָדוצירן די ביליקע מעבל, און פאַרשטייט זיך אַז דער מעבל־מסחר איז באַגרעניצט ווייל די יוטיליטי מעבל ווערט פאַרטיילט און אַן אַרטיקל וואָס ווערט פאַרטיילט קען קיין מסחר נישט מאַכן...

א טיפע אנאליז וועט ווייזן, אז כמעט אלע הויפט צווייגן פון יידישער באשעפטיקונג זיינען געווארן שטארק געשעדיקט פון איצטיקן קריזיס, און פארשטייט זיך אז די דאזיקע עקאנאמישע אנטוויקלונג, טראץ דעם וואס עס איז נישט קיין פועל יוצא פון עקאנאמישער דיסקרימינאציע שאפט א דערדריקטע שטימונג צווישן יידן אין ענגלאנד; די שטימונג ווערט פארשאפט צוליב די שוידערלעכע פאליטישע ווינטן וואס בלאזן פון דער פארשטארקטער פאשיסטישער אנטיסעמיטישער אגיטאציע.

טראץ די שווערע שטימונגען קומט אבער גלייכצייטיק פאר א דינאמישער פראצעס פון עקאנאמישער איבערשיכטונג צווישן דער יידישער באפעלקערונג אין ענגלאנד; יידישע אונטערנעמער און קאפיטאליסטן דרינגען אריין אין צווייגן וואו זיי זיינען פריער נישט געווען אזוי שטארק פארטראטן, און יידישע ארבעטער, ווילנדיק צו נישט ווילנדיק גייען צו צווייגן פון אינדוסטריע און אנדערע באשעפטיקונגען וואו מען פלעגט געפינען זייער ווייניק יידן. און עס איז קיין צווייפל נישט אז אויב די איצטיקע עקאנאמישע פאליטיק פון געבן אלעמען גלייכע מעגלעכקייטן אין אלע צווייגן וואס זיינען וויכטיק פאר דער נאציאנאלער עקאנאמיע וועט אנהאלטן, וועט די יידישע באפעלקערונג אין ענגלאנד זיך צופאסן צו די נייע באדינגונגען; דער איבערגאנגס פראצעס וועט אבער זיין פארבונדן מיט אסך אינדיווידועלע ליידן. אבער קעגן דעם קען מען ליידער גארנישט העלפן — ענגלישע יידן נעמען דעם קריזיס, פילאזאפיש — צרת רבים חצי נחמה.

## ש. ערנסט

# צפת האט זיך מיט וואס צו בארימען *

לענג אויס ארום ארץ־ישראל אנהויבענדיג פון גרעניץ פון איראק ביז חיפה זיינען אויסגעלייגט נאפט־רערן. ווער אבער גיט זיך די מי א טראכט צו טאן: ווער ס'איז געווען דער ערשטער וואס האט אנטדעקט דעם אויל? דער פארדראס איז נאך גרעסער, אז מען דערמאנט זיך אז דער ערשטער וואס אויף זיין קאנטא קאן מען צושרייבן די גרויסע דערגרייכונגען פון דעם אויל אין אראביען איז געווען א ייד פון צפת, און ניט עפעס אבי ווער, נאר א גרויסער וויסענשאפטסמאן, וואס אי לארענס און אי געטרוד בעל דערמאנען זיין נאמען מיט יראת־הכבוד.

* די שטאדט פון די מקובלים, צפת, האט געהאט נישט נאר גרויסע מיסטיקער, נאר אויך וויסענשאפטסלייט און ערפינדער. איינער פון זיי האט אנטדעקט דעם אויל אין מזרח און האט פארשאפט דעם קעניג פון אראביען איבן סאאיד א גרויסן פארמעגן. ש.ע.



בעת כ'בין געווען זומער אין צפת האב איך זיך אנגעהערט וועגן דאזיקן ייד א גאנצן פאק מיט מעשה'לאך. די צפת־ער יידן בארימען זיך מיט זייער חיים יאיר'ן. זיי דערציילן ווי ער פלעגט אפט אוועק פון שטוב און פארבראכט אין טבריא ביים ים־כנרת.

קיינמאל איז ער נישט מיד געווארן קוקנדיק אויף דעם ווייטן שטח צווישן הימל און ים און זעען ווי שען די כוואליעס שפילן זיך, שטייגן און זינקען.

ווילד שטיפעריש פלעגט ער זיך לאזן ווען נישט ווען אין א גאלאפ אין די בערג פון כנען. ער האט גע'חלום'ט שטענדיק אויסצופארשן דעם ברעג פונם ים און זיין נייגונג צו געאלאגיע האט זיך שוין ארויסגעוויזן ביי אים יינגלווייז.

קיינער פון די ארומיקע אין דעם פארווארפענעם שטעטל צפת, וואס ליגט צווישן די בערג פון גליל העליון, האט נישט געלייגט קיין אכט אויף דעם יונגן בעל־דמיונות וואס וואקסט אונטער אין צפת און דרייט זיך ארום מיט די געקרייזלטע פיאה'לעך, זיצט און לערנט אין דער ישיבה און אין דער פרייער צייט איז ער אנגעשטעלט אלס א „ספרא רבה" ביים כולל פון גאליציען.

דאס גאליציאנער כולל איז דאס חשוב'סטע אין צפת. און דער יונגער שרייבער פון כולל איז אן אנגעזעענער מענטש אזש ביים ממונה, וואס וואוינט אין דראהאביטש. זיינע בריוו פארן כולל צייכענען זיך אויס מיטן שענעם כתב און מיט די געפערלטע אותיות'לאך און וואו געפינט איר נאך איינעם, וואס קאן שרייבן אזוי שען די אדרעסן?

שפאצירנדיק אבער אינם גארטן פון זיינע חלומות וועבט זיך ביים יונגן שרייבער פונם כולל אן אייגענער חלום. דורך עפעס א געהיימניספולער טיר זוכט ער צו אנטלויפן פון צפת אין דער גרויסער וועלט אריין. איינער אליין דרייט ער זיך ארום איבער שמאלע געסלאך פון צפת, איינער אליין מיט זיין סוד און מיט זיין חלום.

זיין שטרעבונג דריקט ער דעמאלט אויס אין פערזען, וואס זיינען ווי אן אפשפיגלונג פון זיין נשמה. א צארטע לירישע נאטע א ווייכע און א הארציקע קלינגט אזוי אפט ארויס פון זיינע נישט־געניטע באקאנטע לידער:

„בערג פון כנען, הילט מיר איין,
איר בערג מיט דעם שטראם פון עין זיתים און קוואל
בערג, ים כוואליעס פון כנרת און שיין
פון יעדן זונען־שטראל.
נעמט צו בערג אין גראע נעכט
מיין חלום — — —
פארזעצט ווי אין א קעסטל
ווי א פעלד־בלום דעם קעפל געבויגן".

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָבן זיך ביי אים געוועבט די פּלענער ווי אַזוי אַוועק פון צפת אין דער גרויסער ברייטער וועלט אַריין און פון די מחשבות'ן האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט דער דראַנג צו השכלה.

שפּעטער ווילט זיך אים ווערן אַן אַרכעאָלאָג. ער פילט אַז ער האָט אַ נייגונג דערצו. פאָרט ער פון צפת קיין ירושלים און פאַלט אַריין צום פאָרשער פון א"י־וויסנשאַפט א. מ. לונץ. דער לעצטער טאַפּט אָן מיט די הענט דעם צפת'ער בחור'ל, און ווען דער בחור'ל שטאַמלט אויס זיין וואונטש אַז ער וואָלט וועלן זיין אַן אַרכעאָלאָג פון הייליקן לאַנד, שטעלט לונץ אויף אים אויס זיינע פּאָר בלינדע אויגן מיט שטוינונג.

— אַן אַרכעאָלאָג ווילט זיך אייך זיין....? אַן אַרכעאָלאָג ביי ירושלים־ער יידן! וואָס איז בחור? ווילסט האָבן אַזאַ פּנים ווי איך? ווילסט וואוינען אין אַזאַ קליין צימערל און ווערן בלינד ווי איך?

די דאָזיקע רייד פונם וועטעראַן פון דער אַרכעאָלאָגישער וויסנשאַפט האָבן אָבער נישט ענטמוטיגט דעם יונגען ענטוזיאַסטישן חיים יאיר טויבענהויז און בעת דער בעקאַנטער געאָלאָג בלאַנקענהאָרן קומט קיין ארץ־ישראל מיט זיין וויסענשאַפטלעכער עקספּעדיציע, באַגלייט חיים יאיר בלאַנקענהאָרן קיין עבר־הירדן, און דעמאָלט שוין בליצט אויף ביי אים דער געדאַנק, אַז אַרום ארץ־ישראל זיינען דאָ נאַפט פעלדער.

אין דער געשיכטע פון ערפינדונגען טרעפן מיר אָן אַ סך געשיכטעס, וואָס וועיזן אָן אויף די שוועריקייטן וואָס מאַנכע ערפינדער האָבן געהאַט אין זייער לעבענס־וועג.

איך האָב שוין אַמאָל באַשריבן דעם גורל פון יידישן ערפינדער פונם צעפּעלין דוד שוואַרץ וואָס האָט דערפונדן די לופט־שיף און נאָך זיין טויט האָט זיין ערפינדונג אָפּגעקויפט גראַף צעפּעלין און די לופט־שיף גערופן אויף זיין נאָמען און ס'האָט זיך דעמאָלט געטומלט אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט.

ד"ר חיים יאיר טויבענהויז — דערוויסט מען זיך איצט 20 יאָר נאָך זיין טויט, אַז ער האָט געהאַט גרויסע צרות מיט זיין אַנטדעקונג, אַז דער אָריענט פאַרמאָגט אויל.

אַלס ערפינדער איז ער פון די איינציקע אין מזרח, וואָס האָבן געזוכט צו קאָאָפּערירן מיט די אַראַבער. זייענדיק אַ גוטער קענער פון דער אַראַבישער ליטעראַטור האָט ער הויך געשעצט דאָס אַראַבישע פאָלק און ער האָט שטענדיק געזוכט אַז עס זאָל זיך שאַפן אַ בריק צווישן די דאָזיקע צוויי גרויסע פעלקער פון מזרח.

אַ סך האָט דערצו געהאָלפן זיין דערציאונג און דער פאַקט, אַז ער האָט זיך גע'חבר'ט מיט אַראַבישע געלערנטע און כאָטש ער האָט שטודירט אין דייטשלאַנד, האָט ער געהאַט אַ טיפע שנאה צו די דייטשן און ער איז פון שטענדיק אָן געווען אָריענטירט אויפן נצחון פון ענגלאַנד.



געבוירן אין צפת וואַקסט ער אויס אין אַ פרומער סביבה. אין די ענגע קרומע געסלעך פון דער דאָזיקער קליינער שטאָדט אין די בערג פון גליל איז געווען ווייניק פּלאַץ פאַר קינדערשפּילן, דאָך הויבט שוין אָן יינגלווייז דער קליינער חיים יאיר'ל זיך צו שפּילן מיט שטיינדלאַך און אַז ער וואַקסט אַביסל אונטער דערוועקט זיך אין אים אַ גרויסער דראַנג צו וויסנשאַפט. ער לערנט אויס אייראָפּעאישע שפּראַכן פון אַלענדאָרף'ס אַ מעטאָדע און נעמט זיך יונג צו לימודים.

ער ווערט געוואויער אַז אין לאָנדאָן האָט זיך געעפנט אַ קורס, וואו מען לערנט וויסנשאַפטן דורך קאָרעספּאָנדענץ. פאַרשרייבט ער זיך דאָרט פאַר אַ תלמיד, הויבט ער אָן צו לערנען נישט בלויז וואָס די לערער לערנען, נאָר ער פרעגט קשיות, וואָס מ'דאַרף שוין אָנקומען צו פּראָפעסאָרן, אַז זיי זאָלן זיי פאַרענטפערן.

אין די אָוונטן אינם שיין פון דער לבנה לערנט ער פילאָזאָפיע, גריבלט זיך דאָס צפת'ער יונגל אין דער אַלט־יידישער פילאָזאָפישער ליטעראַטור. דערזעט ער פאַר זיך פּלוצים אַ גאַנצן אוצר: דער רמב"ם מיטן „מורה נבוכים"; אלבו מיטן „ספר העיקרים"; דער רלב"ג מיטן „מלחמות השם" — שווימט אַזוי דאָס יינגל אינם טיפן ים פון דער פילאָזאָפישער וויסנשאַפט פאַרפּירט וויכוחים מיט מקובלים און מיט חוקרים.

די פילאָזאָפיע אונטערהאַלט טאַקע דעם מענטשן, די חקירות שאַרפן טאַקע דעם מוח, אָבער קיין יסוד האָבן זיי נישט, די אַלע חוקרים. זאָגט איינער בלאָ, זאָגט דער צווייטער גראָ, זיי זיינען זיך סותר איינער דעם צווייטן. פאַרגלוסט זיך חיים יאיר'לען זיך אויסצולערנען די תורה פון דער ערד. צי וואָס פאַרקריכן אין די עולמות־עליונים, אַז ס'איז דאָ אַזאַ סך אויפצוטאָן אָט דאָ אונטער די פיס.

האָט זיך ביי אים איינגעעגבערט אין קאָפּ די מחשבה, אַז ער מוז פאָרן קיין אייראָפּע און זיך אויסלערנען „חכמת הגעאָלאָגיע".

אין ארץ־ישראל איז צו יענער צייט נישטאָ קיין שום אוניווערזיטעט, פאָרט חיים יאיר טויבענהויז קין ברעסלוי. די דאָזיקע שטאָדט וואָס איז איצט שוין אַריבער פון די דייטשן צו פּוילן און הייסט איצט וראָצלאַוו האָט נאָך דעמאָלט פאַר היטלערס אויפשטייגן איז זי געווען אַ צענטער פון וויסנשאַפט. דאָרט לערנט ער ביי די וועלט־באַרימטע געלערנטע פּראָפעסאָרן ד"ר מויטעל און ד"ר הינצע. ער ענדיקט מיט גרויסער אויסצייכנונג אַלס געאָלאָג און ער קערט זיך אום פול מיט שענע טרוימען אהיים. ער נעמט זיך מיט אַלע כוחות אויספאָרשן די געאָלאָגיע פון לאַנד און אויך פון די אַרומיקע לענדער.

קענענדיק אויסגעצייכנט אַראַביש, זייענדיק העלדיש און אומדערשראָקן פאַרקליידעט ער זיך אין אַראַביש־בעדואינישע קליידער, געט צופוס, שלעפּט זיך מיט בעדואינער איבער די לענדער פון מזרח. ער שלעפּט זיך אַזוי אַרום אין די ווייטעסטע און ווילדסטע געגענדען פון עבר־הירדן, חרן,

בשן, גולן, ביז ער שפארט אן קיין סאאודיע־אראביען.
האט דאך זיינער א חבר אהרן אראנסאן, אנטפלעקט דעם ווילדן ווייץ
אויפן בארג חרמון ביים סירישן גרעניץ און די גרעסטע פראפעסארן האבן
אים באוואונדערט, טא פאר וואס זאל אויך ער נישט עפעס וואס אנטפלעקן?
און דאס מזל שפילט אים, דעם צפת׳ער יונגנמאן, ער פארדינט דעם
צוטרוי פון איבן סאאוד׳ען, דער הערשער פון מדבר. ער פארט צוזאמען מיט
איבן סאאוד׳ן און זיי באטראכטן צוזאמען די געגענטן פון סאאודיע.
עס איז נאך געווען פארן ערשטן וועלט־קריג. טערקיי האט נאך געהאט
איר ממשלה איבער סאאודיע כאטש איבן סאאוד בונטעוועט שוין די בעדו־
אינער און אלאטראש רייצט שוין אן די דרוזן אין „דזשעבעל דרוז".
דאך זארגט דער צפת׳ער עילוי חיים־על און שוין אין יאר 1914 ווערט
געשלאסן א קאנטראקט פון דער „טערקיש פעטראלעאום קאמפאניע" מיט
איבן סאאוד׳ן.
אין אן ארים געצעלט, צווישן צוויי נידריק האלב איינגעפאלענע הייזלעך
מיט שטרויענע דעכלאך איז דער קאנטראקט געשלאסן געווארן. קיין טינט
איז נישט געווען נענוג, האט דער קעניג פון מדבר אביסל ארייגעשפיגן אין
טינטער אריין, דערפאר אבער זיינען די אותיות געווארן מטושטש און שפע־
טער, אז טערקיי האט, נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואלט אויפמאנען
דעם מאנאפאל אירן, זיינען שוין די נאפט־קוואלן געווען פארקויפט צו די
זיגערישע מלוכות פון פראנקרייך און ענגלאנד. אייניקע קאמפאניעס האבן
זיך דאן געשאפן: „ראיאל־דאטש" (ענגליש־האלענדישע), „אנגלא־איראניען"
(ענגלישע), „סטאנדארט־אויל" (אמעריקאנער) און „פראנסע דע פעטראל"
(פראנצויזישע), יעדע איינע מיט 23.75 פראצענט.
חיים׳ל טויבענהויז, אז ער האט דערזעען די קאנקורענץ פון די קאמפא־
ניעס, האט ביי זיך געטראכט, עס איז דאך זיין אויפטו. האט ער דאך ד"ר
חיים טויבענהויז ארויסגעגעבן אין יאר 1917 אין סאמע מיטן ברען פון דער
מלחמה, ווען די הארמאטן האבן געדונערט דאס ווערק זיינס „פארשידענע
שיכטן פון ערד אין סיריע און ארץ־ישראל" און דאס דאזיקע ווערק דינט
דאך אלס דער אורים־ותומים פאר די אלע נאפט קאמפאניעס.
אין וואס אייגנטלעך באשטייט ד"ר חיים טויבענהויז׳ם אויפטו, איז
נישט גרינג צו דערקלערן פאר געוויינלעכע לעזער, נישט קיין פאכלייט אין
געאלאגיע. בעת אבער די איינצעלהייטן זיינען פארוויקלט איז קלאר זיין
אנטפלעקונג פון דעם ארץ־ישראל באדן און דאס פאראינטערעסירט אונז דאך
אממיינסטן.
ד"ר טויבענהויז ווייזט אן אז ארץ־ישראל איז מייסטענס געבויט פון
קרייד. לויט דער וויסנשאפט פון דער געאלאגיע איז עס א צייכן אז אין
אור־אלטע צייטן איז ארץ־ישראל געלעגן אונטער טיפע וואסערן פון א גרויסן
אקעאן — דאס איז געווען די תקופה פון קרייד אין דער געשיכטע פון דער
ערד.



ד"ר חיים טויבענהויז האט אויסגעפארשט העכער פופציק סארטן פון אזעלכע קרייד און ער האט געוואוסט יעדן שיכט ערד צו וועלכן מין ער געהערט.

ער איז אויך דער ערשטער פאלעאנטאלאג, דאס הייסט: דער ערשטער פארשער פון שטיינער וויסנשאפט וואס דער נייער ישוב אין ארץ־ישראל האט ארויסגעגעבן. ביזן קריג האבן זיך מיט געאלאגיע פון ארץ־ישראל פאר־נומען נאר גוי׳אישע געלערנטע. מיט אהרן אראנסאן און מיט ד"ר טויבענהויז הויבט זיך אן א נייע תקופה.

ד"ר טויבענהויז׳ס קורצער לעבן — ער איז געשטארבן דעם 16־טן מערץ 1928 אין עלטער פון קוים פערציק יאר, איז געווען א לעבן פון א גרויסן וויסנשאפטסמאן. ער האט אוועקגעגעבן יארן פארן ציוניזם נאך שטודירנדיק אין ברעסלוי, וואו ער איז געווען א מבשר־ציון און שפעטער אין יאר 1920 בעת ער איז געווען דעלעגאט צו דער ציוניסטישער קאנפערענץ, וועלכע איז פארגעקומען אין בערלין, און אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן בעת ער האט זיך באזעצט אין בעלפעסט אין ענגלאנד און דארט געגרינדעט דעם פארבאנד פון דער יידישער יוגנט.

מיט צוואנציק יאר צוריק האט דער יונגער געלערנטער פארמאכט זיינע ליכטיקע אויגן אויף אייביק. פון דעמאלט אן האט זיך זיין אויפטו צעוואקסן.

שוין אינמיטן לעצטן קריג האבן זיך מלוכות גענומען שלאגן צווישן זיך איבער די נאפט קוואלן פון סאאודיע. נאך אין יאר 1940 בעת דעם אויפ־שטאנד פון ראשיד עלי אין איראק האבן די ענגלענדער און אמעריקאנער ארויפגעלייגט אן ארעסט אויפן פראנצויזישן טייל און זיי האבן בטל געמאכט דעם אפמאך פון 1928, הגם זיי האבן דאן דערקלערט, אז דער שריט איז נאר א פראוויזארישער צוליב די מלחמה־באדערפענישן, באהויפטן זיי יעצט, אז דער אפמאך האט פארלארן זיין ווערט און עס הערשט יעצט א פרייע קאנקורענץ אין דער זאנע.

די אמעריקאנער געזעלשאפטן „סטאנדארד אויל פון ניו דזשוירזי" און „סאקאני וואקום", האבן דערווארבן פערציק פראצענט פון דער אקארשט גע־שאפענער „אראביען־אמעריקאן אויל קאמפאניע", פון סאאודיע־ראביע. אלץ צייגט, אז די נארד־אמעריקאנער געזעלשאפטן וועלן באהערשן דעם גרעסטן טייל פון דעם פעטראלעאום פון נאענטן מזרח און אז די איבעריקע קאנצע־סיאנערן זאלן מיט דער צייט גענצלעך פארשווינדן. די ענגלענדער, וועלכע האלטן אן גרויסע אינטערעסן אין דער איצטיקער פעטראלעאום־פראדוקציע, האבן אויפגענומען גינסטיק די נארד־אמעריקאנער באטייליקונג.

די פראנצויזישע געזעלשאפט ביי וועלכער מען האט אוועקגענומען איר טייל, האט זיך געווענדעט צו די ענגלישע טריבונאלן. די פראנצויזישע רע־גירונג, וועלכע איז אן אקציאנערן און קאנטראלירט די געזעלשאפט, האט פון איר זייט, זיך געווענדעט אויפן דיפלאמאטישן וועג צו לאנדאן און וואשינג־טאן, אנווייזנדיק, אז עס איז פארלעצט געווארן דער אפמאך פון 1928, וואס

זיכערט פראנקרייך 23.75 פראצענט פון דער פראדוקציע.

ווי באוואוסט, האט וואשינגטאן געענטפערט, אז עס איז אן ענין צווישן פריוואטע געזעלשאפטן, וואס איז ניט נוגע דער רעגירונג. עס איז שווער צו אקצעפטירן דעם ענטפער, ווען מען נעמט אין אנבעטראכט דעם ריזיקן פארנעם פון די אינטערעסן וואס שטעען אין קאן.

## דארא טייטלבוים

### גיי וויים

גיי וויים,
אז דו ביסט אלף־בית
און ליגסט אין יעדן באנד
וואס ציטערט אין מיין האנט.

אין יעדן בוך וואס כ׳עפן
זאל איך דיך דארט טרעפן.
יעדע בלאט א טיר,
אז דו שטייסט הינטער איר.

פון אלע זילבן פון אלע אותיות
ווערן אויגן, פארנעפלטע און גרויסע.
אויף אלע שורות, אויף אלע ווערטער
שטייסטו א פארקלערטער.

ווער האט זיך געריכט,
אז זען כ׳וועל דיין געזיכט
אין יעדער שויב, אין יעדן גלאז,
אין יעדן בוים, אין יעדן גראז.

אויף אלע בערג, אויף אלע טאלן,
האט ווער דיין פנים אויסגעמאלן,
ווי ביי מיר אין מיין זיקארן,
אויף לאנגע, לאנגע יארן.

מיר דרוקן נאכאמאל איבער דאס ליד, וועלכעס איז געווען געדרוקט, ווייל דורך א פארזען אין די לעצטע סטראפע פון דעם ליד ארויסגעלאזט געווארן.



אהרן ר. ראלין

## א יידישער טעאטער אומגליק אין לאנדאן מיט 61 יאר צוריק

יידיש־טעאטער אין לאנדאן האט מען אנגעהויבן שפילן נאך מיט 66 יאר צוריק ווען יעקב אדלער מיט זיין טרופע זענען אנגעקומען דא אין 1882. אין יענעם יאר נאך די שרעקלעכע פאגראמען און גזירות אויף יידן מצד דער רוסישער רעגירונג איז אויך ארויס א געזעץ וואס האט פארבאטן צו שפילן יידיש טעאטער אין דער רוסישער אימפעריע. אדלער און זיין טרופע האבן דאמאלסט גאסטראלירט אין ריגע און דער נייער געזעץ איז געווען פאר זיי א שרעקלעכער קלאפ. זיי האבן באלד באשלאסן אויסצוואנדערן פון רוסלאנד (ווי הונדערטער טויזנטער יידן האבן דאן געטאן) און געקומען אין לאנדאן וואו עס האבן זיך שוין באזעצט א פאר צענדליק טויזנט מזרח אייראפעאישע יידישע איינוואנדערער. מיט אדלערן זענען געקומען זיין פרוי, די גראדנערס, פריילין טשיזיק, קארפ, קעמפנער, בוים, וואכטעל א.א. זיי האבן זיך קענטיק אנגעליטן געגוג צרות אין לאנדאן אין יענע יארן. אט וואס מארים ווינטשעווסקי שרייבט וועגן זיי אין זיינע „ערינערונגען": — „מען האט געשפילט אין קליינע ענגע זאלן מיט א בינע ניט זייער פיל גרעסער ווי א בימע און א גרויסער שול. אויב די שוויץ סיסטעם איז געווען שרעקלעך אין דער שניידער פאך, איז עס אין יידישן טעאטער געווען נאך שרעקלעכער". דערצו נאך, ווי דער שטייגער איז, האט זיך די טרופע צעשפאלטן. די גראדנערס און נאך א פאר זענען אוועק פון אדלערן און פארמירט די „יידיש־רוסישע אפערע קאמפאניע" שפילנדיק מייסטנס אפערעטן. אדלער און זיין טרופע האבן געשפילט מייסטנס דראמעס אבער אויך די זענען כמעט אלע געווען „אין 5 אקטן מיט געזאנג". דער רעפערטואר איז באשטאנען פון די גוט באקאנטע שאפונגען פון גאלדפאדען און הארוויטש, פון א מאסע סענסאציאנעלע דראמעס פון שמר („א קלאפ פאר א קלאפ", „דער מאמעס זינדל", „דערבלוטיקער אדיע", „דער בעל תשובה" א.א.), „מנשה בן ישראל" פון קאצענעלנבאגען, „אוריאל אקאסטא" פון גוטשקאוו און פילע אנדערע.

גערעכנט האט מען זיך מער מיט אדלערס טרופע וואס האט געשפילט אין דראמאטישן קלוב אין 63 לעמבערט סטריט פאר א היפשע צייט ביז נאוו. 1884 ווען זיי האבן אנגעפאנגען שפילן אין רוסיש־יידישן ארבעטער קלוב אין 10 האנדסדיטש (גראדנערס טרופע נעמט דאן שפילן אין 63 לעמבערט סטריט). פאר ספעציעלע פארשטעלונגען (פאפולערע בענעפיטס און ד.ג. פלעגט מען שפילן אין זעטלאנד האל, מענסל סטריט, און אין א האל אין ווײַן־קאורט, ווייטשעפל רויד.

„דער פוילישער אידל" — די ערשטע יידישע וואכנטלעכע פראגרעסיווע צייטונג וואס איז דערשינען אין לאנדאן יולי 1884 אונטער ווינטשעווסקים

רעדאקציע פלעגט גאנץ אפט געבן רעצענזיעס וועגן די פארשטעלונגען פון אדלערס טרופע.

פון היסטארישן ווערט וועגן וועל איך געבן א פאר ציטאטן.

„דעם 10־טן אויגוסט 1884 ווערט געשפילט אין דראמאטישן קלוב „קאבאלא און ליבע" ביי דיזער געלעגנהייט האבן מיר שטארק געפילט דעם פארלוסט פון מאדאם אדלער. דערצו האט מען איר געדארפט האבן, האט איינער מיט רעכט אויסגערופן, דען ער האט איר געזען אלס יהודית אין אוריאל אקאסטא, אדער אסתר אין אסתר ענגעדי, אדער אלס די שטיפמוטער און די צוויבערין. ביים ארויסגיין האבן מיר געטראפן הער אדלער און אויף זיין פנים האבן מיר דעם אויסדרוק געלעזן! — „זי פעלט דא". דא רעדט זיך וועגן יעקב אדלערס ערשטע פרוי, סאפיע אבערלענדער, א באגאבטע קינסטלערין וואס איז געשטארבן אין לאנדאן דעם 29־טן יולי 1884 אין גאנצן 22 יאר אלט. (איך קינד, א ייגנגלע וואס זי האט איבערגעלאזן האט אירער א ברודער אוועקגעפירט אין רוסלאנד צו אירע עלטערן.)

אין נומער 16 „פוילישער אידל" פון 7־טן נאוו. 1884 שרייבט ווינ־טשעווסקי וועגן דאס אויפירן פון שמ"ר'ס דראמע „א קלאפ פאר א קלאפ" וואו עס טרעט אויף צום ערשטן מאל אין לאנדאן א פריילין סאנים, וועלכע איז ניט לאנג געקומען פון רוסלאנד:

„מיסטער אדלערס ליבהאבער איז געווען זער גוט, אבער נאך בעסער די ראלע פון רב וועלכע ער האט אויך געשפילט. מיס סאנים האט פיל טא־לאנט געצייגט אין דער ראלע פון דער טאכטער". אלזא די מיס סאנים „וואס האט פיל טאלאנט געצייגט" איז די שפעטער בארימטע מאדאם ליפצין פאר וועמען יעקב גארדין האט ספעציעלע דראמעס געשריבן ווי „מירעלע אפרת" א.ד.ג. א יונגער אקטיאר ליפצין איז געקומען פון אדעס צו אדלערס טרופע אין לאנדאן אנפאנג 1885 און האט אין איניקע מאנאטן ארום חתונה געהאט מיט פריילין סאנים. אין אויגוסט 1885 ווערט זי שוין אנאנסירט אלס סאניס־ליפצין און שפעטערצו אלס מרס. ליפצין.

אנפאנג 1886 בויט זיך אוים אין 3 פרינסעס סטריט (איצטער פרינסלעט סטריט), דער „יידישער דראמאטישער קלוב" וואס האט זיך שוין געקענט באמת אנרופן טעאטער. א פארמעגלעכער יידישער קצב דוד שמיטה פון דארסעט סטריט, ספיטאלפילדס האט זיך געלאזט קאסטן אויף איבערבויען און דעקארירן דעם פלאץ, די סומע פון £3.000 וואס איז געווען א גרויס פארמעגן פאר יענער צייט.

די מיינונג איז דאן געווען, קענטיק, אז נאר א קלוב קען אויפהאלטן טעאטער פארשטעלונגען, און מיר געפינען אז מר. סמיטה, דער איינענטימער פון קלוב אפעלירט אין דער יידישער פרעסע פאר מיטגלידער און קאמיטעט
לייט. אין מערץ 19886 האט שוין דער קלוב א היבשע צאל מיטגלידער. 25
קאמיטע לייט א סעקרעטאר, מר. קאלינסקי — און איז אונטער דעם פאטרא־נאזש פון סעמועל מאנטאגיו, מעמבער אף פארלאמענט פאר ווייטשעפעל (דער שפעטערדיקער לארד סווייטלינג).



אין אפריל 1886 ווערט יעקב אדלער אנגעשטעלט אלס דער דירעקטאר פון קלוב אין גיט דארטן מיט זיין טרופע רעגעלמעסיקע דראמאטישע פאר־שטעלונגען. לויט דעם „יידישן טעאטער לעקסיקאן" טיילט מר. סמיטה די אקטיארן גאראנטירטע שכירות און אדלער באקומט £3-10-0 א וואך.

די פארשטעלונגען ווערן אלץ מער פאפולער בא דעם לאנדאנער עולם און אדלער מיט זיין טרופע שפילן אויך אין איניקע בעסערע זאכן. דער ערפאלג פון אדלערס טרופע דערגרייכט זאגאר אמעריקע, וואס האט שוין דאמאלסט גענומען אפציען אינטעלעגענטע יידישע קרעפטן פון לאנדאן, און איין אמעריקאנער טעאטער דירעקטאר, מאגרעלקארן קומט נאך לאנדאן אום אוועקצונעמען אדלערן מיט זיין טרופע נאך אמעריקע, נאר ס'איז פון דעם גארניט געווארן. יעקב אדלער האט ווירקליך זער פיל געטון פארן יידישן טעאטער אין לאנדאן אין יענער צייט. ניט נאר פלעגט ער פון צייט צו צייט אראפברייינגען נייע קרעפטן פון רוסלאנד, פוילן און רומעניע, נאר ער האט אויך זיך אנגעשטרענגט צו בילדן און אנטוויקלען לאקאלע קרעפטן. ער האט באשטעלט א לערער פון מוזיק צו געבן פרייע אינסטרוקציעס אין זינגען צו יונגע לייט און מיידלעך וועלכע ער האט דאן באנוצט אין כאר פאר די אפערעטן. ער האט אויך איינגעארדענט א מין דראמאטישע שולע וואו ער אליין איז געווען דירעקטאר און לערער. אלס קוריאז וועל איך דא געבן די אריגענעלע מעלדונג וואס האט זיך געדרוקט פאר א לענגערע צייט אין „פולישן אידעל" אין 1884:

„מיסטער אדלער, דער בארימטער אידישער עקטיאר פאדערט אויף יונגע לייטע און מערכענס זיך די שוישפיעל־קונסט אונענרגעלדליך צו ערלערנען. זיך צו מעלדען יעדען טאג פון 8 ביז 3 אוהר שריפטליך צו 9, ראווענס רויד, אדער פערזענליך אין אידישען דראמאטישען קלוב".

א היבשע צאל פון אדלער'ס תלמידים פון יענער צייט, זענען געווארן פראפעסיאנעלע אקטיארן דא אין לאנדאן, און באזונדערס אין אמעריקע.

מארים מייער ע"ה אין זיין בוך „אידיש טעאטער אין לאנדאן" דערמאנט אז צווישן די וואס אדלער האט אין לאנדאן צוגעצויגן צו דער יידישער בינע זענען געווען דזשעני קייזער און דיינע שטעטין מיט וועמען ער האט שפעטער חתונה געהאט, און ציליע אדלער די באגאבטע אקטריסע איז געווען זייער טאכטער. דינע איז דערפאר באקאנט אין לאנדאן אלס דיענע פיינמאן, זי האט שפעטער אין אמעריקע חתונה געהאט מיט זיגמונד פיינמאן, נאכדעם ווי זי האט זיך גע'גט מיט יעקב אדלער. (אנפאנג דיזען יארהונדערט האבן דיינע און זיגמונד פיינמאן געשפילט א לאנגע צייט אין פאוויליאן טעאטער, ווייטשעפעל).

דער יידישער טעאטער אין לאנדאן וואס האט זיך גענומען גוט אנטוויק־לען אין 1886 האט ליידער געקראגן כמעט א טויט קלאפ דורך א שרעקלעכן אומגליק וואס האט פאסירט דעם 118טן יאנואר 1887. אט איז דער באריכט וועגן דעם אין „ארבייטער פריינד", 21־טן יאנואר, 1887.

**„אַן אונגליקספּאַל אין יידישן טעאַטער.** אַ שרעקלעכער צופאַל האָט פּאַסירט דינסטאָג אָוונט דעם 18־טן יאַנואַר אין יידישן דראַמאַטישן קלוב, 3 פּרינסעס סטריט, ספּיטאַלפילד, לאָנדאָן. פון דער לינקער זייט גאַלערי האָט זיך בעת שפּילן דערהערט אַ געשריי „פייער!" אַ פּאַנישע שרעק האָט אַרומגעכאַפּט אַלע צושויער (אומגעפער 500) און אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום טיר. צום אונגליק האָט דער באַלעבאָס פון קלוב מר. סמיטה אויסגעלאָשן אַלע גאַז פלאַמען וואָס האָט נאָך די לאַגע פון די אַנוועזענדע געמאַכט ערגער. אין געדראַנג זענען אונטער די פיס צוטראָטן געוואָרן צום טויט 17 פּערזאָן — 12 פרויען, 3 קינדער און 2 מענער. די צאָל פון די פאַרוואונדעטע און געחלש'טע איז געווען זער גרויס, און דיזע זענען אָפּגעפירט געוואָרן אין לאָנדאָן האָספּיטאַל. צווישן די לעצטע זענען אויך געווען איינינגע שוישפּילער: לעאָן אדלער, פרידמאַן, ריזלאַנדער, שרה מאַרקס און רייטשעל קאַסטאַ וועלכע זענען נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אַ ביסל ערהוילט פון האָספּיטאַל אַוועקגעשיקט געוואָרן. די טויטע קערפּערס וועלן נאָך וואַרשיינליך בלייבן אין קלוב ביז נאָך אַ געריכטליכער אונטערזוכונג. מיר מוזן זאָגן אַז די שלעכטע איינריכטונג פון די טרעפּ און אויסגענגע האָבן צו דיזן אונגליק זעהר פיל בייגעטראָגן".

איך האָב נאָכגעזוכט איניקע ענגלישע צייטונגען פון יענע וואָך ווען דער אונגליק איז באַשריבן געוואָרן און איך געפין אַז דער באַריכט אין „אַרבעטער פריינד" איז אין אַלגעמיין ריכטיק אויסער וואָס אין אַנדערע צייטונגען ווערט געזאָגט אַז איין אונבאַקאַנטע פּערזאָן און ניט מר. סמיטה האָט אויסגעדרייט די גאַז פלאַמען. די גרויסע וועכענטליכע ראַדיקאַלע צייטונג „רעינאָלד ניוס" פון 23־טן יאַנואַר 1887 גיט אָפּ זער פיעל פּלאַץ צו דער טראַגעדיע. לויט דער צייטונג איז דער יידישער דראַמאַטישער קלוב געווען געבויט אויף דעם געוויינלעכן מאָדעל פון אַ מיוזיק־האָל, מיט 300 פּלעצער אונטן אין זאַל און 200 פּלעצער אין דער גאַלערי, צו וועלכע דער אַרויפגאַנג איז געווען אויף ברייטע טרעפּ דירעקט פון הויפּט אַריינגיינג אין זאַל. עס זענען אויך געווען איניקע ספּעציעלע אויסגענגע געבויט לויטן געזעץ. דער אונגליק איז געווען וואָס ווען דער פּאַניק האָט זיך אָנגעהויבן האָט די מאַסע פון דער גאַלערי זיך אַ לאָז געטאָן אַראָפּ די ברייטע טרעפּ צום הויפּט־אַרויסגאַנג און דאָרטן האָט זיך דער שטראָם פון דער גאַלערי באַגעגנט מיטן שטראָם פון זאַל ווען צענדליקער זענען אומגעפאַלן. די שטאַרקערע האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט און די שוואַכערע זענען אויף טויט צוטראָטן געוואָרן. דאָס ערקלערט פאַר וואָס צווישן די טויטע זענען געווען איבערהויפּט פרויען און קינדער. מעגלעך אויך אַז דער טעאַטער איז געווען צו איבערפולט. ווייל לויט דעם באַריכט פון איין טעאַטער באַזוכער זענען געווען כמעט 800 מענטשן צו דער פאָרשטעלונג, ווען אָפיציעלע פּלעצער זענען געווען בלויז 500 — און דאָס האָט פאַרשאַרפט די טראַגעדיע ווען די צוויי שטראָמען האָבן זיך באַגעגנט. די פאָרשטעלונג איז געווען אַ „בענעפיט" און געשפּילט האָט מען „די



ציגיינערין" אַ פּאָפּולערע שטיק וואָס האָט געבראַכט דעם גרויסן עולם. (די טראַגעדיע האָט פּאַסירט ביים לעצטן אַקט אַ זייגער 11 ביינאַכט). די טרויעריקע נייס האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט איבער דער איסט־ענד און הונדערטער מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום טעאַטער אין פּרינסעס סטריט צו דערגיין דעם גורל פון זייערע נאָנטע וואָס זענען געווען אויף דער פאָרשטעלונג. אַ גרויסע מאַסע פּאָליציי איז באַלד אָנגעקומען און האָבן פיעל געהאָלפן אין דער רעטונגס־אַרבעט און אין אויפהאַלטן אָרדנונג. ווי ס'איז שוין אויבן באַמערקט געוואָרן האָט מען די פאַרוואונדעטע אָפּגעפירט אין האָספּיטאַל, וואו זער ווייניג זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אויף אַ לענגערע צייט. די 17 טויטע האָט מען אַוועקגעלייגט אין דעם לעזע־צימער פון קלוב און דאָרטן זיי געהאַלטן ביז נאָך דעם אינקוועסט (געריכטליכע אונטערזוכונג) וואָס איז פאָרגעקומען דאָנערשטאָג ביינאָג. דעם זעלבן אָוונט האָט מען זיבן פון די טויטע מקבר געווען אין וועסט האַם בית עולם. און אויף מאָרגן, פרייטאָג, האָט מען מקבר געווען די איבעריקע צען אויף דעם זעלבן בית עולם. מען האָט אַלע 17 קרבנות פון דער טעאַטער טראַגעדיע געלייגט אין איין ריי, אום כדי צו שטעלן נאָך זיי אַ געמיינזאַמע מצבה. און דאָס איז טאַקע געטאָן געוואָרן צום יאָרצייט.

עס איז אינטערעסאַנט צו נאָטירן מיט צופרידענהייט דאָס אין דעם גרויסן אומגליק אין פּרינסעס סטריט האָבן זיך די יידישע אַקטיאָרן, לויט אַלע באַריכטן, זער אָנשטענדיק אויפגעפירט און בכבודיק אויפגעהאַלטן די אַלגעמיינע אַקטיאָרן טראַדיציע פון דאָס שפּילן מוז אָנגיין. ווען ס'איז געוואָרן פינסטער אין טעאַטער האָבן די אַקטיאָרן געבראַכט ליכט אויף דער בינע און ווייטער אָנגעגאַנגען מיט די טענץ און געזאַנג, אום כדי צו באַרויקן דעם עולם. נאָר ליידער האָט דאָס ניט געהאָלפן ווייל די פּאַניק איז געווען צו גרויס. פון דער צווייטער זייט ענטבערט אייך אין מאָרך דער שרעקלעכער געדאַנק אַז די גאַנצע טראַגעדיע איז פאַראורזאַכט געוואָרן פון אַ בייזוויליקע פּערזאָן צוליב אַ פּערזענלעכע שנאה, און דער באַריכט אין דער „דזשואיש קראָניקל" רעדט טאַקע פשוט וועגן דעם. דאָס איז אויך קענטיק געווען די מיינונג פון דעם קאָמיטעט פון דעם „יידישן דראַמאַטישן קלוב" וואָס האָט באַלד אָנאָנסירט אַ באַלוינונג פון £50 פאַר אינפאָרמאַציע וואָס וועט פירן צו דער באַשטראָפונג פון דעם שולדיקן פּערזאָן.

דער אונגליק אין פּרינסעס סטריט טעאַטער איז אויך געווען אַ טראַגעדיע פאַר דעם ווייטערדיקן פּראָגרעס פון יידיש־טעאַטער אין לאָנדאָן. עס איז גאַנץ פאַרשטענדליך אַז דאָס שפּילן יידיש טעאַטער האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט פאַר אַ לענגערע צייט און פאַר די אַקטיאָרן איז געבליבן איין אויסוועג — אַוועקצופאָרן פון לאָנדאָן, ספּעציעל נאָך אַמעריקע. יעקב אַדלער און זיין טרופּע האָבן אָבער אויף הוצאות ניט געהאַט. און זיי ווענדן זיך צום רב הכולל ד"ר הערמאַן אַדלער וועלכער האָט בכלל געקוקט קרום אויף יידיש טעאַטער און געוואָלט זיך פון דעם באַפרייען. ד"ר אַדלער האָט אַלזאָ געשאַפן די געלט

מיטלען פאַר די אַקטיאָרן אַוועקצופאָרן, און אין מערץ 1887 קומט אָן אין אַמעריקע יעקב אַדלער מיט זיין טרופּע צווישן וועלכע עס איז אויך געווען מאַדאַם ליפּצין און איר מאַן, לייביש גאָלד, פּאַוועלע פרידמאַן, הערמאַן פידלער, באַנעס, אַברהם בוים, אַ אָבערלענדער און אַנדערע.

די פּרינסעס סטריט טראַגעדיע פון 61 יאָר צוריק האָט אָפּגעהאַלטן די ווייטערע אַנטוויקלונג פון יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן פאַר אַ היבשע צאָל יאָרן. עס איז אָבער נויטיק פעסטצושטעלן די וויכטיקע ראָלע וואָס לאָנדאָן האָט פאַרנומען אין דער ענטוויקלונג פון יידיש טעאַטער נאָך זיין געבורט אין מזרח־אייראָפּע.

שבע גלאס (לינק־בינדערמיכל — עסטרייד)

## קינדער אין געטאָ

ווען מיר נעמען בלעטערן די געשיכטע פונעם יידישן קינד אין געטאָ, זען מיר איין, אַז אַ פיינלעך קאַפּיטל אין דער יידישער מאַטיראָלאָגיע, פאַרנעמט דאָס קינד, שוין פון סאַמע אָנהויב אָן. אויף פאַרשידענע אופנים ווערן אין געטאָ אונטערגעשניטן יידישע עלטערן, איבערלאָזנדיק פּיצלעך קינדער— קיילעכדיקע יתומים. פאַרוואַרלאָזטע, פאַרצווייפלטע האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אַרומוואַלגערן אָן קיינעמס אויפזיכט איבער די ענגע געטאָ־געסלעך, און פון דער פריסטע קינדהייט געמוזט טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון זעלבסשטענדיקייט.

ניט קיין זעלטנהייט איז געווען אין געטאָ צו טרעפן דאָס זיבן אָדער אַכט־יאָריקע קינד אַלס פאַרזאָרגער, פרנסה־געבער, מוטער און פאָטער, באַלעבאָס און אַפילו אַלס ניאַנקע. האָבנדיק אונטער זיך אָפט צוויי אָדער דריי יונגערע געשוויסטער, איז די ראָל פון קינד ניט אויסגעפאַלן אַזאַ לייכטע, בפרט נאָך, ווען אַפילו עלטערע, דערוואַקסענע, האָבן זיך איינגעבראָכן אונטער די שווערע געטאָ־לאַסטן.

שוין פון די ערשטע טעג אָן איז דער הונגער געוואָרן דער זויגער פון מענטשלעכן לייב און געפרעסן אים לעבעדיקערהייט. אינעווייניק אין געטאָ האָט געהערשט אַ פולשטענדיקע אַנאַרכיע. די פּאָר גראָשן האָבן זיך ביי אַלע־מען אויסגעלאָזן. פאַרצווייפלטע, רעזיגנירטע האָבן מענטשן זיך אַרומגעטראָגן מיטן אייגענעם לעבן. ווען מען זיינען אין אַזאַ קאַלטער וועלט געלעגן אין זינען צו פאַרנעמען זיך מיטן פרעמדן יתום?

זיינען זיי טאַקע פאַרוואַרלאָזטע, שוצלאָזע אויסגעגאַנגען פון קיינעם ניט באַמערקטע.

די קאַטעגאָריע פון מער באַהאָלפענע קינדער, די, וועלכע האָבן פּרובירט זוכן מיטלען צום לעבן, האָבן צייטווייליק זיך אויסגעפונען זייערע אייגנאַרטיקע פרנסות.



צוויי לייכטערע פרנסה־מעגלעכקייטן זיינען אַנטשטאַנען פאַר דעם פּריי־צייטיקן פאַרזאָרגער: אַ קליינער טייל איז געוואָרן הויף־זינגער, און אַממערסטן פון זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין גאַסן־הענדלער.

שוין אין גרויען באַגינען האָט מען זיי געטראָפן די קליינינקע וואַכזאַמע געטאָ־הענדלער. מיט מידע, פאַרשלאָפענע אייגעלעך פלעגן זיי אין אַלע גאַסן, און אין אַלע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך און סיי ביי די געטאָ־בריקן אויסקוקן אַ קונה.

אויסגעפרוירענע, קריעה־בליעה׳דיקע פלעגן זיי מיט זייערע הייזעריקע אויסרופן וועקן די נאָך שלאָפנדיקע געטאָ, פון איר מידן קאַשמאַרן שלאָף.

ווי קליינינקע, שוואַרצע פינטעלעך האָבן זיי אַרויסגעקוקט פון שנייאיקן אַרום. מיט רויטע פון קעלט געשוואָלענע הענטלעך, פאַרשטעקטע אונטער אַ צעריסענעם בגד, פלעגן זיי אויסבאַהאַלטן זייער גאַנצע „קראָם" וואָס איז באַ־שטאַנען פון עטלעכע צענדליק סאַכאַרינען און באָנבאָנעס, אויסגעאַרבעטע פון עפּעס אָן ערזאַץ־קאַווע געמישט מיט סאַכאַרינען.

„קאַרמעלקעס די גרויסע קילאָווע,קילסעטראָווע ברויטן... קויפט אַ האַרץ־דערכאַפּעניש"... האָט זיך געהערט ווי אַ כאָראַלע דעקלאַמאַציע.

„סאַכאַרין, צען שטיק פאַר איין מאַרק"... פלעגן זיי אויסזינגען אויף איין און דערזעלבער מעלאָדיע. „קויפט ווייבעלעך, קויפט" — האָט געשניטן די לופט דער טאָג־טעגלעכער מאָנאָטאָנער געטאָ־מאָטיוו.

די דאָזיקע מרה־שחורה׳דיקע כאָראַלע רעקלאַמעס, וואָס האָבן זיך אַרויס־געריסן פון די כאָרכלדיקע העלדזלעך ווי פון אַ פאַרזשאַווערטן ליידיקן טאָפּ, האָבן אויף דער אַזוי גערופענער „קינדער־בערזע" אָפּגעשפּיגלט שוין פון סאַ־מע אָנפאַנג, דעם צער און צאָרן פון יידישן לעבן אין געטאָ; סיי אויף דער גאַס און סיי אין דער שטוב. פון יעדן טאָן האָט אַרויסגעוויינט זייער ביטערער גורל. וועלנדיק איבערשרייען, איבערשטייגן איינער דעם צווייטן — פלעגן זיי מיט זייערע אויסרופן פאַרהילכן און פאַרטיליקן דעם גאַנצן וויי־געשריי פונעם געטאָ.

פון די האַלב־ווייינענדיקע, האַלב־קרעכצנדיקע רעקלאַמע־טענער: „סאַ־כאַרין צען פאַר איין מאַרק!" — האָט מען געקענט אַרויספילן די גאַנצע טראַ־געדיע פון יידישן קינד; גלייך האָט זיך אַנטפּלעקט דאָס בילד פון זיין מרה־שחורה׳דיקן גאַסן קעלער, וואו אויף די ווענט שלאַנגלען זיך פראַנק און פריי קאַרבירטע וואַסער־שנירן, און אין אַ ווינקל אויף אַ קופּע שמאַטעס ליגן איינ־געקאָרטשעט, צונויפגעפּרעסט, אויסגעדאַרטע קינדער גופים׳לעך מיט שווינד־זיכטיקע לייבער אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען; מיט מאַטע פאַרבלאָזע אייגעלעך, און אָפענע מיילעכלעך וואַרטן זיי אָפּ זייערע פאַרזאָרגער — אפשר וועט ער עפּעס אַהיים ברענגען פון גאַס...

וויפל האַרץ־קלאַפּעניש און ציטער האָט אַדורכגעלעבט דער דאָזיקער סאָרט „הענדלער", ביז ער האָט זיך פאַרדינט זיין גראָשן... מיט אָנגע־שטרענגטער וואַכזאַמקייט פלעגן זיי אַרבעטן מיט אַלע חושים; דאָ אַ בליק

מיט די אייגעלעך, דאָרט אַ האָרך מיט די אויערלעך — אפשר פאַרפאָלגט זיי ערגעץ אַ „זעקס־זעקס“ (אַ יידישער פאָליציסט). אַז אָך און ווי איז געווען צו דעם „הענדלער“ וועלכער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַזאַ „זעקס־זעקס“ מיט זיין „סחורה“ האָט דער דאָזיקער „פאַרברעכער“ שוין קיינמאָל זיך מער ניט צוריקגעזען.

אומזיסט האָט ער פּרובירט ווירקן מיט זיין פאַרביטערט געוויין אויפן האַרטן געוויסן פון פאָליציסט: „הער פאָליצמייסטער, איך בעט אייך, גיט מיר צוריק מיין סחורה... לאָזט מיך אָפּ... דער טאַטע — אין רוסלאַנד, די מאַמע איז געוואָרן דערשאָסן ביי די דראָטן, צוויי יונגערע קינדער ליגן פאַרהונגערט און געשוואָלן אין דער היים, וואָס זאָל איך טאָן?“

אַ דערשלאָגענער פלעגט אַזעלכער פאַרקירעווען אַהיים און אַ פאַרשעמטער ניט געקענט קוקן זיינע ברידערלעך אין די אויגן אַריין.

ניט נאָר דער טאָג האָט אָנגעפילט מיט מידקייט דעם יונגן קינד. אויך ביינאַכט האָט מען אים געקענט טרעפן אַדורכשליידערנדיק זיך, מיט אַ טעפּל אין האַנט נאָך אַ „רעסאָרט־זופּ“, אָדער צו עפּעס אַ יאַטקע, צי גאָר צו אַ „מילך־לאָדן“, וואו מענטשן פלעגן אָפּשטיין אַ גאַנצע נאַכט אונטערן פרייען הימל, כדי אויף צומאָרגנס קענען זיך דערשלאָגן נאָך זיין צוטיילונג.

מען האָט אויך געקענט טרעפן קינדער ביינאַכט, ביים קאָכן אין אַלגעמיינע גאַז־קיכן, ווייל אין דער היים איז ניט געווען מיט וואָס צו דערוואַרעמען די קיך. דאָס געטאָ־קינד האָט זיך גענוי אָריענטירט אין הלכות קוכעריי, און געוואוסט וויפיל אַריינצולייגן אין טעפּל, כדי צו קענען אַרויסנעמען דעם געהעריקן סכום געקאָכט עסן און אויסקומען מיטן פאַרטיילן צווישן זיין געזינדל די קאַרגע ראַציאָנען, וועלכע זיינען צוגעטיילט געוואָרן מיטאַמאָל אויף פופצן טעג, האָבן געשאַפן אַ נויטווענדיקייט, אַז דאָס קינד זאָל פון זיך זעלבסט לערנען מאַטעמאַטיק. אַפילו דאָס קלענסטע קינד אין געטאָ האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט נאָר רעכט אויף צו באַקומען 25 דעקאָ ברויט, ווייל אין פאַרלויף פון אַכט טעג ווערט אים צוגעטיילט נאָר צוויי קילאָגראַמען. אויך האָט עס געוואוסט אַז ס׳באַקומט 15 דעקאָגראַם מאַרמאַלאַדע אויף 15 טעג, און יעדן טאָג האָט ער רעכט נאָר אויף איין דעקאָגראַם. פאַר דעם „יונג־דערוואַקסענעם מענטשל“ זיינען קיין שום אויסנאַמען ניט געמאַכט געוואָרן. דאָס קינד האָט עס טאַקע געפילט, פאַרשטאַנען, ניט געבראָכן זיך און זעלטן ווען געוויינט.

---

סוף יאָר 1940, ווען די געטאָ באַדינגונגען זיינען געוואָרן אַביסל סטאַביליזירטער, איז געשאַפן געוואָרן אַ קינדער־קאָלאָניע, וועלכע האָט אַריינגענומען אין זיך קרוב צוויי טויזנט יתומים און אָרעמע קינדער.

אָט די אַלע „סאַכאַרין־הענדלער“, „קאַרמעלקע־סוחרים׳לעך“, די „הויף־זינגערלעך“ און קליינע „בעל הבתים׳לעך“ האָבן געפונען דאָרטן אַ מקום־מקלט — זייער פּראָוויזאָרישע היים. (סוף כל סוף מוז ווערן אונטערגעשטראָכן, אַז ביי די געטאָ־פאַרהעלטענישן איז דאָס געווען אַ קאָלאָסאַלע דערגרייכונג, הגם די באַדינגונגען זיינען ווייט ניט געווען קיין צופרידנשטעלנדיקע).



מאַרישין רופט זיך די געגנט, וועלכע איז אויך געוואָרן צוגעטיילט צו דעם געטאָ, הגם גאַנץ ווייט פונעם געטאָ־געפילדער. דאָרט וואו ס׳האָבן אַמאָל געוואוינט בלויז גויים און אַ יידישע פּיאַטע האָט אין נאָרמאַלע צייטן ניט געוואַגט איבערצוטרעטן, מחמת דאָס אָרט איז געווען באַוואוינט דורך בלויז אַנטיסעמיטן — איז איינגעאָרדנט געוואָרן די דאָזיקע קינדער־קאָלאָניע. די קאָלאָניע האָט זיך געגרענעצט מיט אַ לאַנגן האַלב־איינגעפאַלענעם פּלויט פון לאָדזשער בית־החיים, וואו טאָג אויס טאָג איין זיינען די עגלות געפלויגן ווי טייוואָלאָנים איבער די מאַרישינער בלאָטיקע געסלעך, טראָגנדיק ערשט ניט לאַנג — שפּרודלדיקע לעבנס צו זייער אייביקער רו. און געוואַקסן איז דער בית עולם אין לענג און ברייט, און געפינקלט האָבן דאָרטן קעגן דער זון די נעמען פון יונגע קדושים, אויפגעשריבענע אויף קליינע בלעכערנע מצבה־שילדלעך.

דאָס קליינוואַרג האָט זיך אַזוי גיך צוגעוואוינט צום בית עולם, אַזוי אַריינגעוואַקסן צווישן איינגעפאַלענע מצבות; צוגעוואוינט זיך צו טרערן און ליידן, מתים און קברים, — אַז דער בית עולם איז געוואָרן פאַר זיי דער טעגלעכער שפּאַציר.

די נידריקע, אַסימעטריש־צעזייטע הייזלעך פון מאַרישין, האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן פון זיך אַליין אַרויסגעוואַקסן אויף גאָט׳ס וועלטל. דאָרט וואו ס׳האָט אַמאָל געשפּרודלט מיט בלויז גויישקייט, וואו די גאַנצע לופט איז געווען דורכגעזאַפּט מיט גויישן ריח — האָט גענומען שפּראָצן דאָס לעבעדיקייט פון יידישן קינד; דאָס געוויין און דאָס געלעכטער, דער קרעכץ און דאָס געזאַנג, אַלע בענקשאַפטן און חלומות.

באַוואַכט דורכן אויג פון דערציער האָט דאָס קינד אין דער ערשטער צייט זיך ניט אַזוי גוט געפילט. עס איז שוין געווען צוגעוואוינט אַליין צו באַלעבאַטעווען מיט זיין אייגן לעבן. עס האָט זיך באַטראַכט אַלס זעלבסשטענדיקער מענטש, אַלס דערפאַרענער און דערוואַקסענער — און ניט לייכט איז אים אָנגעקומען שלום צו מאַכן מיט דער דערציערישער אויפזיכט. עפּעס אַ פרעמדער מענטש נעמט זיך די רעכט אים צו לערנען און אַ דעה זאָגן איבער זיין אייגן לעבן. און ניט זעלטן זיינען געווען פאַלן, אַז דאָס קינד האָט זיך צוריקגעריסן אין גאַס אַריין האַנדלען.

אַרום און אַרום דער דאָזיקער קינדער־קאָלאָניע זיינען געווען שטעכיקע צוימען, וועלכע האָבן זיך געגרענעצט מיט דייטשישע פעלדער. מיט וויפיל דורשט און קנאה האָבן קינדער געקוקט אויף יענער זייט פרייער ערד, צו די פאַרכשופטע רייפע פעלדער, וואָס זיינען געלעגן גאַנץ ווייט, ווי לאַנגע גרין־אויסגעשטיקטע לייוונטער מיט רייכפאַרביקע בלומען און באַלאָדענע קאָרנזאַנגען. שטאָלץ זיינען געלעגן דאָרט די פעלדער מיט כל־טוב, מיט אַלערליי ערד־פּרוכטן און געמאַכט דעם איינדרוק ווי דאָס אַלץ וואָלט זיך מיט אונדזערע קינדערס איינגעשרומפּענע, אויסגעהונגערטע געטאָ־גופּימלעך רייצן: „זעט וויפיל רחבות טראָג איך אין מיין פעטן בויך — אָבער ניט פאַר אייך!“

קינדעריש אויגעלעך זיינען קיינמאָל ניט מיד געוואָרן צו קוקן מיט נייגעריקייט אויף יענער זייט, און שטאַרק מקנא געווען די קלענסטע באַשעפעניש — ווייל זיי זיינען פון גאָט באַשאַנקען צו קענען שטילן זייער הונגער מיט אַ גרעזעלע אָדער מיט אַ קערנדל.

פון גאַנץ ווייט האָט געבלישטשעט אַן אַזיערע און קליינע דייטשישע יונגאַטשעס זיינען פריי און לוסטיק געשוואומען אַרום די ברעגעס, פון וואַנען שטיפערישע קולות האָבן זיך דערטראָגן צו אונדזערע קינדער.

אַלץ, וואָס פרעמד און ווייט איז געווען האָט גערייצט און געלאָקט אונדזערע קינדער. אַפילו דער הימל פון יענער זייט האָט אויסגעזען בלויער. מיט וויפיל טרוימען פלעגן קינדער טראַכטן וועגן דעם גרינעם פעלדל אַרום די פויערשע כאַטקעס, וועלכעס האָט זיך געטונקען אין גאָלדענער זון. ווי ניט דערגרייכבאַר און ווייט איז דאָס פעלדל געווען פאַר זיי — הגם אָפּגעטיילט האָט עס נאָר אַ פּאָר שפּאַן ערד...

דעם קינדערישן אויג האָט געצויבערט די פערד פון ווייט פאַרשפּאַנטן אַקער; די געפלעקטע קו, וואָס האָט זיך דאָרט געפּיטערט צוזאַמען מיט איר קעלבל... און דער הונט, וואָס איז אַרומגעלאָפן אַ פרייער אַרום זיי...

ווייל אויף געטאָ־ערד האָט זיך קיין הונט, קיין קאַץ, קיין שטשור ניט געפונען. אַפילו פליגן זיינען געווען אַ זעלטנהייט — שוין לאַנג זיינען זיי אַנטלאָפן פאַרן שווערן הונגער.

נאָר שוואַרצע קראָען האָבן געטשאַטעט ביי די פאַרלאָזענע מאַרישינער זומפן, וואו ס'האָבן זיך געפּיטערט בלויז צוויי פעטע אויסגעפרעסענע פערד, — גרויסע יחסנים אין אונדזערע פינסטערע געטאָ־צייטן — ווייל איינגעשטאַנען זיינען זיי אין די „גליקלעכע הענט" פון לאָדזשער „קריפּאָ" (דייטשישער קרימינאַל־פּאָליציי) און אַרום די דאָזיקע פערד האָבן קראָען זייערע שמחות געפּראַוועט — ווייל פון שכנות'דיקן בית־עולם האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון פרישע קברים.

פריצייטיק זיינען קינדער רייף און אַלט געוואָרן — און ס'האָט ניט געקענט העלפן קיין שום פּעדאַגאָגישער קראַפט וואָס זאָל זיי אַרויספירן פון זייער יאוש און פאַרצווייפלונג.

אָנגעזאַפּט מיט טעגלעכע אימה און שרעק, האָבן די קליינוואַרג אויפגעהערט זיך שפּילן אין „געוויינלעכע" קינדערישע שפּילערייען. שוין זייער נייער אַרט פאַרשפּילן זיך וואָלט געקענט אָפּשפּיגלען די טראַגיק פון דער עפּאָכע.

אַט למשל האָבן קינדער פון גן־ילדים אַזוי זיך פאַרשפּילט: אָננעמענדיק אַ הענטעלע מיט שטיינדלעך האָט דאָס קינד זיי איינציקווייז אַרויסגעוואָרפן און און דערביי געפרעגט: „זאָג מיר, וויפיל איז מיר נאָך געבליבן אין מיין האַנט? צוויי זיינען אומגעקומען ביי די דראָטן, צוויי ביי דער ערשטער אויסזידלונג און דריי זיינען אויסגעשטאַרבן פאַר הונגער"...

אָדער: „זאָלן מיר זיך שפּילן אין אַן אויסזידלונג: איך וועל זיין דיין מאַמע, דו וועסט זיין דאָס קינד און ער דער פּאָליציאַנט. ער וועט דיך קומען



נעמען, איך וועל ניט דערלאָזן און דו וועסט וויינען"...

איינער פלעגט זיך פאַרשטעלן פאַרן עלטסטן פון די יידן, ד.ה. פאַר רומקאָווסקין, און מיט אַ קינסטלעריש־געמאַכטן אויסדרוק פון זעלבסט־צופרידנקייט, נעמט ער איין שטעקן אין האַנט אַריין און אויף דעם צווייטן שטעקן לאָזט ער זיך רייטן... דעמאָלט פלעגן אים אַנדערע קינדער באַפאַלן מיט „ביטעס": איינער האָט געבעטן אַ „טאַלאָן" ווייל ער איז אַ „שווער־אַרבעטער", אַ צווייטער האָט געבעטן „וויגאַנטאָל" (מעדיקאַמענט) ווייל זיינע פיס זיינען געשוואָלן פון הונגער; אַ דריטער האָט גענומען בעטן רחמים, אַז ער זאָל אים שענקען דאָס לעבן — ווייל ער און זיין פאַמיליע זיינען פאַרמשפּט אויף אויסזידלונג. דער „קליינער רומקאָווסקי" האָט גענומען שלאָגן מיט זיין שטעקן איבער די קינדערישע קעפּלעך און ווייטער זיך געלאָזט אין זיין וועג...

כאַראַקטעריסטיש, אַז דאָס קינד פלעגט אויך טראַכטן קריטיש וועגן „קעניג" רומקאָווסקי מיט די זעלבע קאַטעגאָריעס ווי די דערוואַקסענע; מיט גרויס גרינגשעצונג און פאַראַכטונג, הגם זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז טיילווייז ליגט זייער גורל אין זיינע הענט.

מיט דער גרעסטער סאַטיספאַקציע פלעגן זיי אַוועק ערגעץ אין אַ זייט, אַז דער דערציער זאָל ניט באַמערקן, און אייניקע פון זיי פלעגן פולשטענדיק נאָכאַרבעטן די אַלטע, הייזעריקע שטימע פון רומקאָווסקין מיט זיין פאָלגנדן דיאַלאָג: „זאָרגט אייך ניט יידעלעך! צו עסן האָב איך גענוג... און אַרבעט פאַר אייך האָב איך אויך גענוג"...

זיי פלעגן מיטן גאַנצן קינדערישן באַוואוסטזיין אויפנעמען דאָס צוטראַגנקייט פון רומקאָווסקין אימיטירנדיק אים מיט זיינע פאַרשיידענע „רעדעס", וועלכע ער פלעגט האַלטן.

אַפילו פּאָליטיש איז דאָס קינד פרי רייף געוואָרן. עס האָט זיך אָריענטירט אין סטראַטעגישן גאַנג פון ביידע קעמפנדיקע צדדים, עס האָט אַרויסגעפילט בחוש, אַז דאָס איז אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר וועגן זיין אייגענעם גורל.

שפּילנדיק זיך אין אַ מלחמה, האָבן זיי פון איין זייט אויסגעשטעלט רוסישע סאָלדאַטלעך און פון דער צווייטער זייט דייטשישע. ווען ביידע צדדים האָבן זיך אָנגעהויבן אַטאַקירן, און דער „דייטש" האָט געפּרואווט מאַכן אַ טריט פאָראויס האָבן די „רוסן" שטאַרק דערווידערט, מאָטיווירנדיק, אַז זיי ווייסן גאַנץ גענוי, אַז היינט גייען נאָר די רוסן פאָרויס, — און גלייך גענומען אָפּשטויסן דעם שונא. טראָץ דעם האָבן אַלע קינדער בעסער געוואָלט זיין אויסגעוויילט צו די רוסן, — „דער דייטש מוז סוף כל סוף איינגעמען אַ מפּלה" — פלעגן זיי זיך טרייסטן.

אויך דער דערציער איז געשטעלט געוואָרן אין אַ פאַרלעגנהייט און פלעגט זיך אָנטרעפן אויף אַזעלכע דערשיינונגען, מיט וועלכע ער האָט זיך אין נאָרמאַלע צייטן אין משך פון זיין לאַנג־יעריקער פּראַקטיק ניט באַגעגנט. ער האָט זיך געמוזט באַוואָפנען מיט אַ ספּעציפיש צוגעגרייטן דערציאונגס־מעטאָד, און אויסגעפונען אַן אַנדערן צוגאַנג צום קינד. דער הונגער־פּסיכאָז האָט

אַזוי געווירקט אויפן קינד, אַז דער גייסטיקער מצב, זיין פּסיכאָלאָגיע און סיי זיין גאַנצער געדאַנקען־גאַנג איז ביי אים פאַרענדערט געוואָרן. דער דערציער האָט תמיד געמוזט געדענקען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ „דערוואַקסן, דערפאַרן מענטשל".

געמאַטערט פונעם שווערן הונגער — האָט דאָס קינד פּרובירט זיך אויסגעפינען פאַרשיידענע מיטלען, כדי צו לינדערן זיינע נויט־מאַטערנישן: זומער־צייט פלעגן זיי ווילדע גראָזן רייסן און רויערהייט זיי עסן. ווען אַ דערציער פלעגט די קינדער אויפמערקזאַם מאַכן, כדי זיי צו פאַרהיטן קעגן קראַנקהייטן — האָט ער באַקומען פאָלגענדע תשובה: „לערער! קראַנק ווערט דער, ווער עס עסט ניט קיין גראָזן"...

ווענסע־צייט, ווען די „קריפּאָ" האָט די שכנות׳דיקע פעלדער מיט אַרבעס פאַרזייט — פלעגן די קינדער באַגינען, אין געהיים פאַרן דערציער, אָפּרייסן זיך פון געלעגער און מיט די הענטלעך די פריש־פאַרזייטע אַרבעס אַרויסגראָבן. פאַרן שווערן הונגער האָט ניט עקזיסטירט קיין שום שטראָף, קיין שום געזעץ. אַלערליי לערן־מעטאָדן האָבן באַנקראָטירט, טרעפנדיק זיך אויג אויף אויג מיט דער געפאַר פון הונגער־טויט. ס׳האָט ניט געהאָלפן די אויפקלערונג — אַז עס איז אַ שאָד, אַז גאָר ניט לאַנג וועט דויערן און די ערד וועט אַרויסגעבן דרייסיק־פאַכיק מערער. „אָבער לערער! ווער וועט דאָס דערלעבן און דערפון געניסן?" זייער אַרגומענט איז לײדער געווען אַ פעסטער.

אויך איינציקע למודים האָבן ביי זיי עפּעס גאָרניט געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט. בעת אַ שמועס מיטן קינד וועגן נאַטור־וויסנשאַפט, אַז רעגן און זון ברענגען זעטיקייט פאַר דער מענטשהייט — פלעגן קינדער מיט זיכערקייט אָפּענטפערן: פאַרוואָס פאַראַיאָרן איז געווען אַזויפיל רעגן און זון און דערנאָך זיינען געקומען צייטן פון אַזאַ שווערן הונגער?...

די קינדער, וועלכע דער קריג האָט געטראָפן אַלס צוויי אָדער דריי־יעריקע, און די, וועלכע זיינען געבוירן אין קריג־צייט — האָבן ניט געהאַט קיין באַגריף אויף אונטערצושיידן צווישן חיות און עופות, ווי אויך צווישן פאַרשיידענע דערנערונגס־פּראָדוקטן. אַ פינף־יעריק קינד אין געטאָ האָט זיך נאָך ניט געוואוסט פאַרצושטעלן דעם אונטערשייד פון אַ האָן ביז אַ קאַץ, פון אַ הונט ביז אַ קעלבל — עס האָט זיך קיינמאָל דערמיט ניט געטראָפן. דעם דאָזיקן באַגריף האָט דאָס קינד ערשט באַקומען אין ביכל.

די קינדער האָבן ניט געוואוסט וואָס איז אַזוינס אַ פיש. צו איז אַן איי גרין אָדער בלוי? ווי אַזוי זעט אויס אַ בולקע, אַן עפּל, אַ באַרנע? זיי זיינען געוואָרן אַזוי אַריינגעוואַקסן אין דער געטאָ־שפּראַך, אַז ווען דערוואַקסענע מענטשן מיט בענקשאַפט דערמאָנען די אַלטע גוטע צייטן, האָט פאַר זיי דאָס געקלונגען ווי אַן אויסגעטראַכטע מעשה.

אויך דער אויסערלעכער אויסדרוק פון פּנים איז ביים קינד פאַרענדערט געוואָרן, פאַרלירנדיק אינגאַנצן זיין קינדערישקייט. דאָס קינד האָט דאָך קיינמאָל ניט דערפילט קיין פריידיקן זונען־שטראַל... כסדר דערשלאָגן, תמיד



מיט פאַרטראַכטע אייגעלעך אין וועלכע עס איז אויסגעלאָשן די קינדערישע פרייד. איינהערנדיק זיך אין זייערע ערנסטע דיסקוסיעס האָט מען געמיינט, אַז מ׳האָט צו טאָן מיט „קליינע אַלטע יידעלעך".

אָט די קינדער פון עלנט, קינדער פון טרערן, וועלכע האָבן דאָס לעבן געזען נאָר פון איין זייט: אַלס ווילדן אונברחמנות׳דיקן ביטערן קאַמף, — איז דער חוש ביי זיי געוואָרן אַזוי אויסגעשליפן, און אַרויסגעוויזן אַזויפיל שאַרפזיניקייט, אַז אין די שווערסטע געפאַרן און אין די קאָמפּליצירטסטע פאַרלעגנהייטן האָט דאָס קינד אַרויסגעוויזן זיך אויסגעהאַלטענער און שטאַנדהאַפטיקער ווי די דערוואַקסענע. עס דערמאָנט זיך מיר אַ פאַל:

בעת אַן אַקציע האָט אַ מוטער איינגעמויערט אין אַ וואַנט צוויי קינדער, אין צוויי באַזונדערע באַהעלטנישן, אין איין און דעם זעלבן צימער. איין קינד, 4 יאָר אַלט און דאָס אַנדערע 6 יאָר. אין בעט איז נאָך געבליבן אַן אַלטע קראַנקע באָבע וועמען ס׳איז אונמעגלעך געווען אויסצובאַהאַלטן. איבערלאָזנדיק די שטוב אויף הפקר — איז די מוטער מיט אירס נאָך אַ קינד, אַ פּיצלינג אויף דער האַנט, געגאַנגען זוכן ערגעץ אַנדערשוואו אַ באַהעלטעניש. (דערביי איז געווען די אויסרעכנונג, אַז טאָמער וועט דאָך געלונגען איין באַהעלטעניש ניט אַנטדעקט צו ווערן — און עמיצער וועט זיך קענען ראַטעווען). ווען די אויסוואורפן זיינען אַריין אין צימער, האָבן זיי דער באָבע מאָמענטאַל דערשאָסן. פון איין באַהעלטעניש אַרויסגענומען דאָס 6־יאָריקע קינד און אויפן אָרט עס אומגעבראַכט. דאָס 4 יאָריקע קינד האָט דאָס אַלץ בייגעוואוינט, אַלץ צוגעהערט... און פאַרגליווערט דערביי געשוויגן...

3 יאָריקע קינדער פלעגן זיך ווענדן צו זייערע עלטערן:

זאָג מיר מאַמעשי, האָסט מיך ליב? און אויב אַ דייטש וועט מיך קומען אויפכאַפּן זאָלסטו ניט דערלאָזן... אויב ניט — זאָלסטו כאָטש מיט מיר מיטגיין...

דאָס קינד האָט זיך דערפילט אַלס אַן איבעריקס, אַלס אַזעלכעס וואָס באַלאַסטעט, באַשווערט דאָס געטאָ־לעבן און שטערט די רו פון די עלטערע.

פאַרשיידענע פּרוואוון זיינען געמאַכט געוואָרן מצד די דערציער כדי אַרויסצופירן דאָס קינד פון זיין יאוש — אָבער דאָס קינד איז געווען זער פילבאַר אויף אַלע געשעענישן און געקוקט דערויף מיט אומצוטרוי און בטול.

די ערשטע צייטן האָט זיך נאָך ווי עס איז איינגעגעבן צו באַווירקן דאָס קינד, און ס׳איז געלונגען זיי אַריינצוציען אין פאַרשיידענע אַרבעטס־צווייגן: זיי פלעגן אָן שום מכשירים פאַראַקערן און פאַרזייען ערטער, וואו ערשט ניט לאַנג זיינען געווען דאָרט חורבות, וועקנדיק די ערד פון איר דורות׳דיקער פאַרגליווערטקייט, די קינדער דערביי מיט אַזויפיל בענקשאַפט און טרוימען— זינגען ארץ־ישראל־לידער — אַז ס׳האָט דאָס האַרץ אַזש אויף שטיקער צעריסן. אַנדערע ווידער, האָבן מיט באַגייסטערונג דיסקוטירט: „ווען די מלחמה וועט זיך פאַרענדיקן, וועלן זיי גלייך אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל!" ווייל שוין אין געטאָ האָבן קינדער מיטגעמאַכט די „הכשרה".

## יחזקאל נח ערליכמאן

# חסידישער פאלקלאר

ערשטע סעריע: „די אַלטע קאָצקער“

## ב. פרואוון א מחותן

דער סאָכאַטשעווער רבי, ר׳ אברהם׳לע זצ״ל, איז נאָך אַלס יינגל געווען בארימט אין גאַנץ פוילן פאַר אַ זער שאַרפן קאָפּ און אַ גרויסן עילוי. ווען ער איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר — זיין פאָטער איז שוין דעמאָלט געווען רב אין אַלקוש — האָט מען אים פאָרגעשלאָגן אַ שידוך מיט דעם זער באַרימטן סאַנדזער רבין ר׳ חיים זצ״ל.

דער פאָטער איז געפאָרן מיט דעם חתן אויף אַ שבת קיין סאַנדז, מיט דער כוונה, אַז דער רבי זאָל פאַרהערן דעם בחור און זעען צי עס איז ווירקלעך ווי מען זאָגט.

זיי זענען געקומען קיין סאַנדז אום פרייטאָג און, ווי באַוואוסט, איז אין סאַנדז יעדן שבת געווען אַ גרויסער עולם פון פרעמדע חסידים. דער רבי פּעלגט זיין זער פאַרנומען מיט שלום-נעמען און פראַווען טיש שבת. אויך זונטאָג איז ער געווײנלעך געווען פאַרנומען מיט אָבגעזעגענען זיך מיטן עולם, מיט אויסהערן יעדענס פּעקל צרות און געבן זיי זיין ברכה. נאָר זונטאָג ביינאַכט, ווען דער עולם איז זיך שוין גענהאַט צעפאָרן, האָט דער רבי געשיקט רופן דעם חתן-בחור. דער פאָטער האָט אים אַריינגעפירט צום רבין און איז באַלד אַליין אַרויסגעגאַנגען, ווייל ער האָט באַמערקט, אַז דער רבי וויל זיין אַליין מיט דעם חתן.

דער פאָטער און נאָך אַנדערע חסידים, וועלכע האָבן געוואוסט, אַז אינעווייניג קומט פאָר דאָס אויספּרואוון פון חתן, האָבן זיך געשטעלט הינטער דער טיר און געוואָלט הערן וואָס עס קומט פאָר. מען האָט אָבער נאָר געהערט קולות, אַמאָל פון רבין און אַמאָל פונם חתן-בחור; קיין ווערטער האָט מען נישט געקענט הערן.

אָבער נאָך אַ צען-פופצן מינוט האָבן זיך די קולות געשטאַרקט און מען האָט לייכט פאַרשטאַנען, אַז אינעווייניג קומט פאָר אַ גרויסער קאַמף. דער פאָטער איז געשטאַנען הינטער דער טיר זער אויפגערעגט. ס׳זענען געווען מאָמענטן, ווען ער האָט געוואָלט עפענען די טיר און אַריינלויפן זאָגן דעם חתן, למען השם ער זאָל געדענקען מיט וועמען ער רעדט. עס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן איבער אַ שעה.

ווען דער חתן איז אַרויסגעקומען, איז ער געווען רויט ווי אַ פייער און זער פאַרשוויצט. דער פאָטער האָט געוואָלט אַריינגיין צום רבין זאָגן אַ גוטע נאַכט. דער משמש האָט אָבער נישט געלאָזט. ער האָט געזאָגט, אַז דער רבי איז זער אויסגעמאַטערט און וועט שוין היינט קיינעם נישט זעען.



ווען מען האָט געפרעגט דעם חתן-בחור וואָס עס איז פאָרגעקומען ביים רבין, האָט ער נאָר געזאָגט:

— דער רבי האָט געוואָלט זיין גערעכט, איך האָב אָבער נישט געוואָלט זיין אומגערעכט....

צומאָרגנס, מאָנטאָג, האָט דער פאָטער געמיינט, אַז דער רבי וועט שיקן נאָך אים און רעדן וועגן דעם שידוך. דער רבי האָט אָבער נישט געשיקט. איז ער ביינאַכט געגאַנגען מיטן חתן-בחור צום רבין זיך געזעגענען, ווייל דינסטאָג פרי האָט ער געזאָלט אָוועקפאָרן.

צו זיין איבעראַשונג איז שפּעט ביינאַכט געקומען אַ שליח פון רבין, אַז דער פאָטער מיט דעם חתן זאָלן אַהינקומען. דער חתן האָט זיך געקווענקעלט און נישט געוואָלט גיין. דער פאָטער האָט אים אָבער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען טאָר נישט מסרב זיין דעם רבינס בקשה און אַזוי זענען זיי שוין ביידע אַהינגעגאַנגען.

ביים אַריינקומען איז דער פאָטער צוגעגאַנגען צום טיש, וואו דער רבי איז געזעסן און דער חתן איז געבליבן שטיין פון דער ווייטנס.

דער רבי האָט צוגערופן דעם חתן, זאָגנדיק:

— נו, בחורל, קום אַהער נענטער, וועט מען נאָך אַביסל שמועסן.

אַזוי ווי ער איז ווייטער געשטאַנען און האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, האָט דער פאָטער אַ זאָג געטאָן צו אים:

— אברהם׳לע גיי צו נענטער צום רבין. דער רבי וויל דיך נאָכאַמאָל פאַרהערן!

האָט דער חתן-בחור זיך אָפּגערופן און געזאָגט:

— אויב אַזוי, וועט מען דאָך דאַרפן דעם רבין אויך פאַרהערן....

דער פאָטער, דערהערנדיק אַזעלכע ווערטער אין דער נעגנוואַרט פון רבין, איז געוואָרן זער דערציטערט און האָט נישט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסרעדן. דער רבי איז אויך געוואָרן פאַרוואונדערט פון דעם ענטפער און האָט זיך געווענדעט צום פאָטער:

— וואָס מיינט ער דערמיט?

דאָ האָט זיך דער חתן-בחור אויסגעגלייכט און אָנגעהויבן מיט דעם זעלבן ניגון ווי מען איז זיך מפלפל אין אַ טיפן תוספות אָדער אַ האַרבן רמב״ם:

— ס׳איז מיר שטענדיק געווען קשה, וואָס איז דען דער טעם פאַרוואָס מען פאַרהערט אַ חתן. עס איז נאָך נאָר, מען זאָל זעען, אַז ער איז נישט קיין עם-הארץ, און די גמרא זאָגט „כל הנותן בתו לעם-הארץ כאילו כופתה ומניחה לפני ארי“ (דער, וואָס גיט זיין טאָכטער צו אַן עם-הארץ, איז ווי ער וואָלט זי געבונדן און איבערגעגעבן צו אַ לייב); אויב אַזוי, דאַרף מען דאָך דעם מחותן אויך פאַרהערן! עס איז אַ בפירושע גמרא, אַז מען זאָל נישט נעמען די טאָכטער פון אַן עם-הארץ. נאָר, האָב איך מיר געענטפערט, אַז אַזוי ווי דעם מחותן האָט מען דאָך פאַרהערט ווען ער איז געוואָרן אַ חתן,

האָט מען שוין דעמאָלט געזען, אַז ער איז נישט קיין עם־הארץ. איז דאָך שוין נישט נייטיק נאָכאַמאָל אים צו פאַרהערן. דאָס אַלץ איז ריכטיק אויך עס איז גענוג איינמאָל פאַרהערן, אָבער איצט, אַז דער רבי וויל מיך נאָכ־אַמאָל פאַרהערן, הייסט עס דאָך, אַז איינמאָל איז נישט גענוג; און אויב אַזוי, דאַרף מען דעם מחותן אויך נאָכאַמאָל פאַרהערן!....

ווען ער האָט געענדיקט דעם דרש, איז אי דער רבי אי דער פאָטער געבליבן ווי פאַרשטיינערט. אַ געדריקטע שטילקייט האָט געשוועבט איבער דער שטוב. עס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אַפּאָר מינוטן. דעם פאָטער האָט זיך אויסגעדאַכט, עס נעמט שעה'ן; דער רבי האָט זיך האַסטיק אַ שטעל אויף געגעבן און געזאָגט:

— עס איז אפילו אַ שיין פשט'ל, אַ זער שיין פשט'ל, נאָר פאַר מיר איז עס צו שאַרף! — און ווענדעט זיך צום פאָטער און זאָגט: — ער וועט זיך גיכער אַריינפּאַסן קיין קאָצק, און פאָרט מיר לחיים ולשלום!

זיי זענען באַלד אַוועק אויף זייער אכסניא. דער פאָטער האָט אַרויס־געקוקט, עס זאָל שוין טאָג ווערן און זיי זאָלן קאָנען פאָרן אַהיים, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט זיך דערוויסן פון דעם פשט'ל, זאָל נישט קיין „קנאים פוגעים בו"....

זיי זענען אַהיימגעקומען אין זייער שטאָדט „עלקוש" מיט צוויי טאָג שפּעטער. און נאָך דעם זעלבן טאָג איז געקומען צום פאָטער אַ חסיד פון קאָצק און דערציילט, אַז ווי ער האָט געהערט פון זיין בחור, וואָס פאַר אַ גאון ער איז, האָט ער שוין לאַנג געטראַכט, אַז עס וואָלט געוועזן אַ גלייכער שידוך פאַר דעם קאָצקער רבי'נס מיידל, וואָס איז אין דער זעלבער עלטער ווי זיין זון. נאָר אַזוי ווי דער „פחד" צוצוקומען צום רבי'ן איז זער גרויס, האָט ער אַלץ אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג. נאָך דעם מאָנטאָג האָט ער זיך מיישב געוועזן און איז אַריינגעגאַנגען צו דער רביצין. עס האָט ביי איר שטאַרק אויסגענומען און זי האָט אים געהייסן קומען שפּעטער, ווען דער רבי קומט אַריין נאָך זיין שיעור.

ער האָט אַזוי געטון. ווען דער רבי איז אַריינגעקומען, האָט אים די רביצין דערציילט וועגן דעם שידוך, און אַזוויי ער האָט דאָס דערהערט דרייט ער זיך אויס צו מיר און זאָגט: „יאָ". אָבער ביי אַ שידוך טוט מען נישט אָפּלייגן אויף שפּעטער, „שמא יקדמנו אחר"....פאַר באַלד מאָרגן אין דער פרי; פאָר לחיים ולשולם.

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נישט אָפּגעלייגט נאָר באַלד צומאָרגנס דינסטאָג, אָנגעהויבן מיין נסיעה צו אייך. אָבער איר קאָנט אייך פאָרשטעלן ווי איך האָב מיך געפילט אין מיטן וועג, ווען איך האָב געהערט, אַז איר זענט געפאָרן קיין סאַנדז וועגן אַ שידוך. טייל מענטשן האָבן נאָר געזאָגט אַז איר האָט שוין געשריבן תנאים.

נאָר ווען איך בין היינט דאָ אָנגעקומען און געהערט, אַז איר זענט ערשט געקומען און אַז איר האָט אייך נישט געהייסן געבן קיין מזל־טוב, בין



איך געקומען מקיים זיין מיין שליחות און כ'בעט אייך זער מיר צו געבן אַ קלאָרע תשובה".

דער עלקושער רב, אויסהערענדיק די מעשה, האָט מיט גרויס צופרידנהייט אויסגערופן אַז ער דאַרף שוין נישט צו געבן קיין תשובה ווייל ער האָט דאָך שוין אַן הסכמה אויף דעם שידוך פון סאַנדזער רבי'ן אַליין. און האָט דערציילט די גאַנצע מעשה ווי דער סאַנדזער רבי האָט געזאָגט: „ער וועט זיך גיכער אַריינפּאַסן קיין קאָצק".

ביידע האָבן אויסגערעכנט, אַז אין דער זעלבער צייט, ווען דער סאַנדזער רבי האָט געזאָגט די דאָזיקע ווערטער, האָט דער קאָצקער רבי אים, דעם שליח, געהייסן פאָרן....

עטלעכע וואָכן שפּעטער איז דער שידוך געשלאָסן געוואָרן.

## צו דער פּרעמיערע פון „בר־כוכבא" — אברהם גאָלדפאַדן

(אין דער „ערב־קריסטמאַס־נאַכט" אין גרענד־פּאַליי)

עפּעס פילט זיך יום־טובדיק אין די שמאָלע אַרבעטער־געסלעך פון דער דרוקעריי נאָראָדיצקי ביז צום גרענדט־פּאַליי, — עס זיינען נישט די צעזונגענע האַלב שכורלעכע, האַלד־כריסטלעכע כאָראַלע געזאַנגען, וואָס רייסן זיך אַרויס פון די האַלב־אָפענע שענק־טירן, — די אַקטיאָרן פון גרענד־פּאַליי־טעאַטער וועלן היינט ביינאַכט פון זיך אַראָפּוואַרפן די לאַקעס און די שמאַטעס און אָנטון זיך אין פורפּאָר און אין גאָלד, און איך קאָן נישט איינזיצן ביים קאָרעקטור־שטענדער און איך מאַך אַ קנייטש אין די קאָרעקטור־בויגנס; ס'איז אַ פּרעמיערע פון גאָלדפאַדן! ס'ערשטע מאָל וועל איך זען היינט בר־כוכבא! און צוקומענדיק אַזוי ביז צום טעאַטער, איז עס ביי דער קאַסע קאָפּ אויף קאָפּ און דער זאַל איז פול געשטאָפּט און געפּראָפּט — — „מי כעמך ישראל", אַז אַזוי נאָך זעען אויס אונזערע פאַרוויילונגס־פּלעצער אין די אָרעמסטע געסעלעך פון אַן אָרמסטן יידישן ישוב — — — —

איך בין צו באַרוישט, אַז איך זאָל די היסטאָרישע פּיעסע קאָנען אויפנעמען! שוין פון די הונדערטער און הונדערטער, קיין עין הרע, בין איך עס; און פון דאַנקבאַרקייט צו אונזערע אַקטיאָרן—איך וויל נאָר שטיין מיטן געפּאַקטן עולם צוזאַם, אַדורכגענומען צו ווערן צוזאַמען מיט זיי ווי פון אַן אַדורכנייענדיקן בליץ, פון די שטילע זיסע מעלאָדיעס, פון די דונערדיקע כאָראַל געזאַנגען, הערן דינה'ס מילעכל־לידל און וויינען צוזאַמען מיט אַלע „ציונס טעכטער". —

נאָר אַ זשעני קאָן אומבאַהאַלפנקייט פון דורות אַזוי אומבאַהאַלפן פאַרמען צו איין גאַנצקייט פון צעבראָכענע הערצער — דאָס איז דאָך געווען אונזער גרויסער אברהם גאָלדפאַדן.

שוין שפּילט בערנשטיין די קלאַסישע מאָטיוון. דאָס אייז אינם האַרצן רירט זיך, און אין אויג שטעלט זיך שוין איין די ערשטע האַרציקע טרער:

ניין, דאָס וואָס ס׳געשעט איצט אין ארץ ישראל איז נישט ווידער דאָס זעלבע פאַרלוירענע שפּיל, חלילה; מיר האָבן נישט איצט צווישן אונז קיין פּאַפּוס? :

„האַ, די נקמה איז מיין נשמה, מיין לעבן, מיין נחמה".

וואָרים אויב „ראַכע", אויב „נקמה" איז עס צו אונזער אַלעמענס שונא — זי האָט געשמידט אונזערע רייען מיטן פייער פון קרעמאַטאָריומס, פון שרעקלעכע שייטער־אויוונס.

און איז דען נישט טאַקע דערפאַר פּאַפּוס די גרעסטע פיגור אין „בר כוכבא", — כאָטש דער לעצטער איז דער טיטל־העלד! — ווייל זי איז די רעאַלע פיגור אין דעם מאָנומענטאַלן אומבאַהאָלפענעם פּראָבלעם? זי איז פול לעבן, פול מענטשלעכע באַוועגלעכקייט נישט אין אַ פאַנצער־געגאָסענע ראָמאַנטישקייט....

אָבער אונזער דור דערלעבנדיק די גאַנצע גרויזאַמקייט פונם דריטן חורבן, מיר קאָנען נישט זאָגן און טאָרן נישט זאָגן מיט פּאַטריכאַלן אלעזר :

„ניין אויף אַ נייעם חורבן קלעקט מיר שוין נישט מיינע טרערן".

מיט אונזער פאַרגאָסענעם בלוט אַזוי באַקלעקט ווי מיר זיינען — —

איך וויל נישט טראַכטן, איך וויל אויפנעמען דאָס שטיק אַזוי ווי פאַר 60-70 יאָר די יידישע שטעטל און שטעטעלעך האָבן עס אויפגענומען, אַזוי וואונדערלעך, אַזוי קאָלאָסאַל געוואַלטיק.

איך מוז מיך אַריינכאַפּן אונטער די קוליסן און זיי זאָגן אונזערע ליבע אַקטיאָרן : איך בין נישט געקומען שרייבן אַ רעצענזיע, אַ קריטיק ; איך וויל זיין פריי, נשט טראַכטן, נישט סעצירן, נישט ציילן די ווערטער.... און קען מען דען בכלל אויף דער קליינער בינע אויספירן די געוואַלדיקע סצענעס? און וואו האָבן מיר דאָ דעם נויטיקן כאָר.

אָבער וואָסער וואונדער אונזער צעלניקער קאָן נישט אַלץ באַווייזן! ווי וועט ער דאָס אויסזען, — אונזער קאָמיקער פער עקסעלאַנס! — אין דער מאַיעסטעטיש-צעבראָכענער פיגור פונם אַלטן אלעזר? איך קאָן מיך שוין נישט איינהאַלטן. און יאָזעף שערמאַן, — אונזער צינגע־צאַנג! — וועלכער האָט נאָך געשפּילט דעם פּאַפּוס אונטער דער רעזשי פון אברהם גאָלדפאַדן אליין — — אַ שטיקל זכיה האָבן מיר דאָך, מיר לאָנדאָנער טעאַטער־גייער! און ברויך מען דען אַ בעסערע . און הערלעכערע „פיגור" פאַר „בר־כוכבא". ווי מאַקס איצקאָוויטש — אונזער לאָנדאָנער גאָלדפאַדעניסט! און ווי בין איך דאָס נייגיריק אויף דער נייער באַליבטער פּרימאַדאָנע רות רענע, וועלכע וועט שפּילן דינה, וועלכע וועט זינגען טרויעריק־בענקענדיק און פיל בטחון :

„דאָס זענען די געפאַנגענע ברידער
אין גלות פאַרטריבן זענען זיי געווען
זיי קערן קיין ציון ווידער" — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

ניין, איך שרייב נישט קיין רעצענזיעס, קיין קריטיק. (איך וועל שוין מוזן נאָכאַמאָל גיין זען דאָס שטיק בכדי עס צו טאָן), נאָר אצינד, בשעת



כ׳שרייב די שורות פאַרן געלאָזענעם זייטל אינם בויגן שוין אין דער זעץ־מאַשין, שטייט די פּאַפּוס־סצענע פאַר מיינע אויגן, ווי ער (לאַכט מיט גדלות) — בוים זיצט זיך מאַיעסטעטיש־שכור מיט זיין קעניגין אַנאַ צעלניקער, אידא שערמאַן גיסט אים גראַציעז אָן דעם פולן בעכער, און סאָניאַ קרילאָוואַ טאַנצט פאַר אים איר בויך־טאַנץ, — ברומט אין קאָפּ ביי מיר צו דאָס קונציק־פאַר־שייטע לידל, מיטן כאָר, צוזאַמענגעשטעלט פון די בעלזן־קעמפּס־יינגלעך, וועלכע לעבן דאָ מיט אונז אין לאָנדאָן.

„אָבער וואָס וועט זיין דאַן
אַז ווי איין מאַן
מיר אַלע שנעל
וועלן זיך טון אַ שטעל
און מאַכן פון דיר אַ תל".

יאָ, אַז פאַר זיי נאָר אַליין, פאַר די געראַטעוועטע בעלזענער יינגלעך, גאָלדפאַדן וואָלט נאָר געשריבן די כאָראַל געזאַנגען, אַז זיי זאָלן שטיין דאָ אַזוי זיגעריש און שטאָלץ אין די מעשענע פאַנצערס און מיט די שפּיזן אין די הענט וואָלט שוין געווען — דיינו! אָ, פאַר זיי איז עס גאָרנישט קיין פּורים־שפּיל! און פאַר מיר אודאי און אודאי נישט....

פּ.ס.—וואָס איך וויל נאָר איצט איז, אַז די נישט איבערגעלייענטע שורות זאָל נאָר פונקט אַריינפּאַסן אין וואַרטנדיקן בויגן אין דער דרוק־מאַשין.

**ש.**

## לאָנדאָנער קולטור ידיעות

**עס** איז דערשינען אַ ביאָגראַפיע פון דוב בער באָראָכאָוו, פון יהושע פּאָד־רוזשניק.

*   *

די מענדעלע פייערונגען וואָס „פריינט פון יידיש לשון" האָבן איינ־געאָרדנט אין אַרבעטער־הויז און אין בן־אורי, צום 112־טן געבוירן טאָג פון אונזער גרויסן קלאַסיקער זיינען אַדורך מיט גרויס דערפאָלג.

*   *

די סאָציאַליסטישע יוגנט גרופּע וועט אַרויסטרעטן נאָכן דערפאָלג פון דער ערשטער אונטערנעמונג דעם 4-טן יאַנואַר 6 נ.מ. אין אַרבעטער רינג, אַ ניי־יאָר פאַרוויילונג, וואו עס איז פאָראויסגעזען אַ רייכער ליטעראַ־רישער טייל, קלאַסישע יידישע מוזיק און טענץ. אויסער דעם ווערט צוגע־גרייט אַ אַקאַדעמיע צום 25־טן יאָרטאָג פון וולאַדימיר מעדעמס טויט.

*   *

ש. גאָלדשמידט איז אויפגענומען געוואָרן ביי אַ גלעזל טיי פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין, ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע נאָך ארץ ישראל. גאָלדשמידט האָט אָפּגעגעבן אַ גרוס פון ארץ ישראל און ער איז באַגריסט געוואָרן פון די חברים שרייבער.

*   *

עזרא סאָסנאָוויטש איז אָפּגעפאָרן אויף אַ רייזע נאָך ארץ ישראל, אזיע, אמעריקע, אַפריקע און אויסטראַליע.

דער באקאנטער ארבעטער־טוער עמאנועל נאוואגרודזקי — גענעראל־סעקרעטאר פון וועלט-בונד, וויילט אין לאנדאן אויפן וועג קיין אמעריקע פון אינטערנאציאנאל סאציאליסטישן קאנגרעס אין אנטווערפן — וועט זונטיק דעם 11־טן יאנואר, 4 א זייגער נ.מ. רעפערירן וועגן דער אינטערנאציאנאלער סיטואציע, אין לאקאל פון ארבעטער־רינג.

* *

פארגאנגענעם חודש איז אויפגעפירט געווארן אין ניי יידיש טעאטער „צוריק צו מיין פאלק“ פון לעא קאברין אין דער אינסצענירונג פון מארק מארקאוו מיט גרויס דערפאלג.

* *

אין ניי יידיש טעאטער ווערט אויפגעפירט מיט גרויס דערפאלג דאס צענטע געבאט פון אברהם גאלדפאדן באארבעט אין דער אינסצענירונג פון א. מייזעלס.

* *

דר. אגראנסקי רעדאקטאר פונם „פאלעסטיין פאסט“ אין ירושלים איז אויפגענומען געווארן פון ליטעראטן און זשורנאליסטן פאראיין ביי א חבריש גלעזל טיי.

* *

די פועלי ציון האט געפייערט דעם 30־יאריקן יארצייט פון דוב בער באראכאוו אין וועלכער עס האבן זיך באטייליקט דר. לעווענבערג, פאדרוזשניק.

* *

יצחק קרעלמאן האט אין לאנדאנער „ניי יידישן־טעאטער“ אויפגעפירט די בארימטע פאלקס קאמעדיע „הערשעלע אסטראפאלער“ פון סאוועטישן שרייבער גערשנזאן און די באקאנטע טראגיקאמעדיע „דער בלוטיקער שפאס“ פון שלום עליכם. ביידע אויפירונגען זיינען אדורך מיט א גרויסן מאראלישן און מאטעריעלן דערפאלג.

* *

אידא קאמינסקא וועט אויפטרעטן היינטיקן חודש אין ניי יידיש טעאטער אין „אלעקסאנדער־טעאטער“.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנארד בארען סעטלמענט, 33, בערנער סטריט, א.1. — 3 א זייגער)

שבת, דעם 3־טן יאנואר — די טראדיציאנעלע מענדעלע פייערונג צום דעם געבוירן־טאג פון אונזער קלאסיקער.

שבת, דעם 10־טן, וועט אסתר קרייטמאן האלטן א רעפעראט איבערן יידישן קולטור לעבן אין פאריז. דעקלעמאציעס פון גראדע, שטרינגער און שולשטיינס ביכער.

שבת, דעם 17־טן וועט א. מ. פוקס האלטן א רעפעראט וועגן סוצקעווער מ׳וועט פארלייענען פון זיינע לידער און פון זיין ווילנער־געטאבוך.

שבת, דעם 24־טן וועט זיין געווידמעט דעם שאפן פון יידישן לאנדאן.

שבת, דעם 31־טן וועט אליהו פאלושאק האלטן א רעפעראט איבער די געשעענישן אין ארץ־ישראל.




צום פלוצלונגען טויט פון אונזער חשובן פריינד

**יעקב מאיר קארגער**

דריקן מיר אויס אונזער טיפן מיטלייד. מיר ווינטשן די איבערגעבליבענע צו געפינען טרייסט אין אנדענקן פון זיין שיינעם נאמען

**לשון און לעבן**
**פריינט פון יידיש לשון**

מיר דריקן אויס אונזער מיטלייד צום רעדאקטאר פון דער „צייט“

**הערי מייער** און **פרוי**

צום טויט פון זייער פאטער און שווער

אויך דריקן מיר אויס אונזער מיטלייד מיטן אדמיניסטראטאר פון „צייט“

**י. וואולף**

צום טויט פון זיין ליבער שוועסטער
רעדאקציע און אדמינים. **לשון און לעבן**

מיין גרויסן צער צו דעם פארלוסט פון מיין טייערן פריינט

**יעקב מאיר קארגער**

און מיין טיפן מיטגעפיל מיט די איבערגעבליבענע

**משה עובד**

אונזער טיפן מיטגעפיל צו אונזער חשובן פריינט **עלענצוויי** צום פארלוסט פון זיין ליבער פרוי

**לשון און לעבן**

אין אייביקן אנדענק פאר מיין טייערן מאן, חבר און פאטער

**מאטל שפיזמאן**

וועט געשטעלט ווערן א

**מצבה, זונטיק,** דעם 18־טן **יאנואר**, 1948, 11 פרי, אויף **איסט העם**
בית עולם, מאלען רויד.

אלע פריינט, חברים און באקאנטע, ווערן געבעטן צו קומען אפצוגעבן דעם לעצטן כבוד דעם אומפארגעסלעכן פריינט מאטל שפיזמאן.

די טרויערנדיקע פרוי און קינדער.

אין אייביקן אנדענק פון אונזער ליבן מאן און פאטער

**יצחק וויינרייך**

וועט געשטעלט ווערן א

**מצבה, זונטיק,** דעם 11־טן יאנואר, 1948, 11 פרי, אויף **איסט העם**
בית עולם, מאלען רויד.

מיר בעטן אלע פריינט און באקאנטע צו קומען אפגעבן דעם לעצטן כבוד דעם אומפארגעסליכן פריינט יצחק וויינרייך.

די טרויערנדיקע פרוי און קינדער.

5, יאר „פריינט פון יידיש לשון“

גרויסע פייערונג צום פינף יאריקן יובילײ פון פריינט פון יידיש לשון

**שבת-צונאכט 8 פעבּרואר — :: — ארבעטער רינג לאקאל**

6.30 אָוונט **גרויסער באנקעט** עלי סט. א.1

(אָפּגעלייגט פון 31 יאנואר)

**רעדעס! רעציטאַציעס! געזאנג! און ... בילעטן?**

---

די סוף־חודש זונטיקס פון „פריינט פון יידיש לשון“ ביים „בן־אורי“

**זונטיק דעם 29 פעברואַר 8 אוונט**

געווידמעט דאָס שאַפן פון

**שלום אש**

בן-אורי קונסט גאלעריע 14 פּאַרטמען סט. וו.1

עס וועלן זיך באַטייליקן: משה עובד, אליהו פּאַלושאַק, ראָרא דימאַנט

י. ביעטש, אסתרל זילבערבערג און אנדערע.

איינלייטונג: א. נ. שטענצל

---

**מזל טוב צו מר. און מרס. הערדי מייער**

צו דער פאַרלאבונג פון זייער טאכטער יהודית

א האַרציקן מזל טוב צו פריינט **הערדי מייער**, רעדאַקטאָר פון די „צייט“

און צו זיין זער חשובער פרוי, **בערטא מייער** צו דער פאַלאָבונג פון זייער

ליבע טאָכטער **יהודית** — צו — **רעדזשינאַלד כהן**, לל.ב.

אויך די באָבע פון דער כלה, **מרס. רחל מייער** ווינטשן מיר א האַרציקן

מזל טוב צו די תנאים פון איר ערשטן אייניקל.

רעדאַקציע „לשון און לעבן“

---

**דער פלאַץ איז רעזערווירט פאַר י. ביעטש.**

אונזער פריינט און מיטאַרבעטער פון פריינט פון יידיש לשון, באַקאַנטן

**חזן רעוו. פנחס פייגענבלום**

צום אויפגענומען ווערן אלס חזן אין דער גרויסער ווילדסן שוהל, ווינטשן מיר גרויס דערפאָלג.

קאָמיטעט פון פריינט פון יידיש לשון

---

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יאָרגאַנג פעברואַר 1948 לאָנדאָן **נומער 2** (העפט 97)

## צום בלוטיקן געראנגל יעצט אין ארץ ישראל

מען וועט שוין מוזן מוחל זיין אזא „גלות-ייד“ ווי איך בין, — וועלכער גלויבט טאַקע מיט אַלע יידן צוזאַמען אינם „ואף על פי שיתמהמה אחכה לו בכל יום שיבא“; און נאָך איבערצייגנדיקער ווי דער רעליגעז־פילאָזאָפישער טעקסט ווירקט אויף אים איצט דער ניגון וואָס האָט זיך באַשאַפן, צו דעם מיימאָנידישן „אני-מאמין“־פאַראַגראַף אין די קרעמאַטאָריום־קעמפּס.—ווען ער וועט וואָרענען די פירער פון די יידישע סאָציאַליסטן נישט צו געברויכן אַזינד זייערע גרויסע וויסנשאַפט־ווערטער ווען פאַשיסטיש־נאַציסטיש ראָמאַנטישע פּאַלעסטינע אַוואַנטורעס א.א.וו.

פאַר מיר, — א פּראָסטן גלות־ייד, א „רך־לב“, ווען דאָס האַרץ ווערט שוואַך שוין הערנדיק בלויז פונם אָנגייענדיק בלוטיקן קאַמף, — איז קודם כל דער גראַנגל יעצט אין ארץ ישראל, — נאָך פאַר דער גרויסער גאולה, יאָ, אז מיר זאָלן זי ווערט זיין בכלל, — דער ערשטער רעאַקציע-אויסדרוק פון אונזער גאַנצן פאָלק, איבער די פערגאַנגענע געשעענישן, איבער דער חרפה וואָס מ'האָט אונז אָנגעטון און די ברענענדיקע בלוטיקע יסורים.

דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען דער אוממיטלבאַרער העראָאישער אויסדרוק פון די ליידנדיקע גופא, פון די קדושים גופא.

משטיינסגעזאָגט, וואָסער רעאַקציע האָט דאָס יידישע פאָלק, ווי אַן איינהייט, ארויסגעוויזן נאָכדעם ווי מ'האָט א דריטל פונם פאָלק,—און דוקא דעם חשובסטן און בעסטן! — פאַרטיליקט אויף אזא ברוטאַלן און מיתה־משונה־דיקן אופן? איך ווייס באמת נישט צי אונזערע „אל מלא רחמים'ס“ (וואָס דאָס מאַכן מיר דווקא יאָ מיט דער פולער האַנט, ווייל ס'איז מסתמא אויך א שטיקל „ביזנעס“ פאַר שולן און אפילו...) שטייט אין א פיל גרעסערן יחס צום אומגעהויערן געשעעניש, ווי דער „דזשענטלמענישער“ זשעסט פונם אויפשטעלן זיך דערמאָלט פונם ענגלישן פּאַרלאַמענט, ווי א צייכן פון מיטגעפיל..

אז עס קומט א גרויס אומגליק איבער א יחיד מוז דאָך געשען מיט אים א פיזישע ענדערונג. און אויב ער באַקומט נישט דעם שלאַג אויף דער שטעל, אָדער גערירט פון זינען, מוז ער דאָך לכל הפחות גרוי ווערן איבער נאַכט, אָדער א פוס זאָל אים אָנהויבן ספּאַזמאַטיש צו צאַפּלען, צי כאָטש א לעפל איבער אויגן זאָל אים נעמען ציטערן, עפּעס וואָס א זייטיקע זאַך מוז דאָך געשען מיט אים, מיט דעם קערפּער וואָס ליידט דאָס גרויסע אומגליק, א רעאַקציע אינם בלוט־לויף, א וועלכער נישט איז סימפּטאָם, א פיזישער, מוז